# דער אוצר




כתה ה' - חג הפסח תשע"א

## אוצר הגנוז

**דער זוהר הק' אין פרשת בא, שרייבט מורא'דיגע ווערטער איבער די גרויסקייט פונעם הייליגן סדר נאכט און די גרויסע שמחה וואס כביכול השי"ת האט, אויב די אידן רעכטן אפ די נאכט ווי עס דארף צו זיין. דעם זוה"ק פירט מען זיך צו זאגן פארן אנהייבן צו אפרעכטן דעם געהויבענעם נאכט. מיר וועלן דא אראפברענגען דעם זוה"ק, איבערגעטייטשט אין אידיש:**

**די** מצוה פון דערציילן דעם לויב פון יציאת מצרים, וואס איז א פליכט אויף א מענטש צו דערציילן שטענדיג דעם לויב. יעדער מענטש וואס דערציילט פון יציאת מצרים און ער פריידט זיך דערביי, איז ער אנגעגרייט זיך צו פרייען מיט די שכינה אין עולם הבא וואס דאס איז מער פון אלע שמחות. ווייל דער מענטש פריידט זיך מיט זיין האר השי"ת, און הקב"ה פריידט זיך מיט דעם דערציילונג.

**דעמאלטס** נעמט הקב"ה צוזאמען זיין גאנצע פמליא און זאגט זיי: גייט און הערט דאס דערציילונג פון מיין לויב וואס מיינע קינדער דערציילן און פרייען זיך מיט מיין אויסלייזונג. דעמאלטס נעמען זיך אלע צוזאמען, און באהעפטן זיך מיט די אידן און הערן די דערציילונג פון דעם לויב וואס זיי פרייען זיך מיט די פרייד וואס זייער האר האט זיי אויסגעלייזט.

**נאכדעם** קומען זיי און דאנקען פאר הקב"ה אויף די אלע נסים און שטארקייטן, און זיי לויבן אים אויף אזא הייליג פאלק וואס ער האט אויף די ערד וועלכע פרייען זיך מיט די אויסלייזונג, און דעמאלטס ווערט שטארק אויבן דער כח און שטארקייט, און די אידן מיט דעם דערציילונג גיבן זיי קראפט פאר זייער האר, אזוי ווי א קעניג וואס זיין קראפט און שטארקייט ווערט פארמערט אין די צייט וואס מען לויבט אים אויף זיינע שטארקייטן און מען דאנקט פאר אים. און אלע האבן מורא פון אים און זיין כבוד ווערט דערהויבן איבער אלעם.

**דערפאר** דארף מען לויבן און דערציילן וואס עס איז געווען ביי יציאת מצרים. און דאס זעלבע ליגט אויך א פליכט אויף א מענטש שטענדיג צו דערציילן דאס גרויסקייט פון הקב"ה און מפרסם זיין אלע נסים וואס ער טוט.

**טאמער** וועסטו זאגן, וועגן וואס דארף מען דעם פליכט, הקב"ה ווייסט דאך אלעס, אלעס וואס איז געווען און וואס וועט זיין, און פארוואס דארף מען דעם פרסום פאר אים אויף דאס וואס ער האט געטאן און ער ווייסט עס. נאר א מענטש מוז מפרסם זיין די נסים און צו רעדן פאר אים אויף אלעס וואס ער האט געטאן, ווייל די רייד גייען ארויף אויבן און די גאנצע פמליא של מעלה נעמען זיך צוזאמען און זעהען עס, און זיי אלע דאנקען הקב"ה, און זיין כבוד ווערט דערהויבן אויבן און אונטן.

**געלויבט** איז השי"ת אויף אייביג, אמן און אמן.

## אוצר הידיעות

### ליל שימורים

די הייליגע נאכט פון פסח ווערט אנגערופן אין די תורה הק', **ליל שימורים**. אידישע קינדער פירן זיך פארשידענע מנהגים אנצוצייגן אונזער אמונה אינעם ליל שימורים.

עס איז כדאי מעתיק צו זיין דעם לשון פון **רבינו נסים גאון** אין זיין **מגילת סתרים**: "ומנהג בכמה מקומות שאין נועלין החדרים שישנים בהם בלילי הפסח, כי בניסן נגאלו ובניסן אנו עתידין להגאל, דכתיב ליל שמורים הוא לה', לילה המשומר ובא מששת ימי בראשית, ואם יבא אליהו ימצא הבית פתוח ונצא לקראתו מהרה, ואנו מאמינים בזה ובשכר זאת האמונה נגאל בעה"י במהרה בימינו אמן".

אזוי אויך ברענגט דער **מהרי"ל**, אז צוליב דעם טעם, שפארט מען נישט צו די טיר מיטן שטארקן ריגל אזוי ווי יעדע נאכט, כדי צו ווייזן אונזער אמונה אז מ'פארלאזט זיך אויף די שמירה פונעם רבוש"ע.

דער **רמ"א** אין **דרכי משה** (סי' ת"פ) ברענגט בשם **מהר"י ברונא**, אז מ'פירט זיך צו עפענען די טיר ביי שפוך חמתך, ווייל דער **אור זרוע** ברענגט, אז מ'האט זיך געפירט פסח ביינאכט נישט צו פארשפארן די טירן, און דאס איז אמונה אינעם אויבערשטן און אין זיין הבטחה, און אינעם זכות פון די הבטחה וועלן מיר ווערן אויסגעלייזט, וועגן דעם עפנט מען די טיר ביי שפוך חמתך צו ווייזן אז בזכות די אמונה איז ראוי אז משיח זאל קומען.

א אינטרעסאנטער מנהג ווערט געברענגט אין ספר **יוסף אומץ** (סי' תשפ"ח), אז ווען מ'זאגט שפוך חמתך פאלט איינער אריין אינעם טיר, וואס דאס איז אויך א אנצייגונג אויף אונזער ווארטן אויף משיח צדקינו.

רבינו הק' בעל **דברי יואל** זי"ע פלעגט איבער'חזר'ן די ווערטער פונעם הייליגן **מהר"ל מפראג** זי"ע, אז דער טעם פון עפענען די טיר פאר שפוך חמתך איז, וויבאלד הלל נרצה קומען מעורר רחמים זיין אויף די גאולה שלימה, זענען מיר מחויב צו מודיע זיין פאר אונזערע קינדער, און מפרסם זיין וואס מיר האבן מקובל פון די נביאים אז פאר דער זמן פון די גאולה שלימה וועט קודם קומען אליהו הנביא און מבשר זיין די בשורה פון די גאולה שלימה, און דאס איז א געוואלדיגער יסוד צו אונזער אמונה אין ביאת המשיח, אז מיר זאלן נישט אריינפאלן אין קיין נעץ פון קיין משיחי שקר. וועגן דעם עפענען מיר די טיר פאר אליהו הנביא, און מיר גיסן אן א כוס לכבודו, אלעס כדי מפרסם צו זיין פאר די בני הבית און זיי מודיע זיין אז די גאולה שלימה ווענדט זיך אין אליהו הנביא וואס וועט קודם קומען מבשר זיין די בשורת הגאולה, און דאס וועט זיין דער צייכן אויף ביאת המשיח.

דער **רמ"א** ברענגט (סי' תפ"א ס"ב) אז מ'פירט זיך נישט צו ליינען קריאת שמע, נאר די ערשטע פרשה פון שמע, און נישט אלע אנדערע קאפיטלעך וואס מ'זאגט וועגן שמירה, ווייל די נאכט איז א אפגעהיטענע נאכט.

בנוגע **ברכת המפיל** איז א מחלוקת, דער **מגן אברהם** האלט אז מ'דארף זאגן המפיל, אבער דער **אריז"ל** זאגט אז מ'זאל נישט זאגן **"דהוי לשמירה ונראה שאינו מאמין ח"ו לדברי חכמינו ז"ל שהוא ליל שמורים"**.

# אוצר ההגדה

**קדש - ורחץ - כרפס - יחץ - מגיד: "קדש ורחץ"**, ווען דער מענטש איז זיך מקדש און ער וואשט זיך פון זיינע עבירות, דארף ער טוהן צוויי זאכן: א) **"כרפס"** – ראשי תיבות "**כ**'לל **ר**'אשון **פ**'ה **ס**'תום", צו פארמאכן דאס מויל. ב) **"יחץ מגיד"** מען זאל צוטיילן די רייד. מען זאל רעדן נאר רייד וואס זענען וויכטיג און אויסגעהאלטן לויט די תורה.

(הרה"ק רבי יוחנן מראחמיסטריווקא זי"ע)

☆ ☆ ☆

**יחץ:** דער רבי בעל **דברי יואל** זי"ע האט אמאל ביי יחץ געזאגט א טעם פארוואס מען באהאלט דעם אפיקומן, ווייל דער אפיקומן עסט מען דאך אלס זכר צום קרבן פסח, און עס איז דאך באוואוסט די מעשה פון הייליגן צאנזער רב זי"ע, אז אליהו הנביא ברענגט פאר די צדיקים א שטיקל פונעם קרבן פסח (זעה אין אוצר הצדיקים). קומט דאך אויס, אז די צדיקים דארפן נישט עסן דעם אפיקומן וואס איז נאר א זכר צום קרבן פסח, ווייל זיי עסן דאך דעם קרבן פסח אליין. וועגן דעם באהאלט מען דעם אפיקומן ווייל מיר האפן אז אפשר וועט אליהו הנביא אונז ברענגען א שטיקל פונעם קרבן פסח.

שפעטער ווען מ'האט געהאלטן ביי צפון, האט דער רבי זי"ע געפרעגט: אויב מ'האט זוכה געווען און אליהו הנביא האט געברענגט א שטיקל פונעם קרבן פסח, איז פארוואס דארף מען נאך עסן דעם אפיקומן? האט ער געענטפערט: ווייל מען דארף באהאלטן די מדריגות נישט יעדער זאל וויסן אז ער איז א צדיק. וועגן דעם הייסט עס **"צפון"**, מען באהאלט די מדריגות.

☆ ☆ ☆

**כל דכפין ייתי ויכול, כל דצריך ייתי ויפסח:** מען קען זאגן א פשוט'ן פשט אויף דעם דאפלטן לשון. ווייל די הלכה איז, **"הפסח נאכל על השובע"**, דעם קרבן פסח דארף מען עסן ווען מען איז שוין זאט פון פריער. וועגן דעם זאגט מען קודם **"כל דכפין ייתי ויכול"** יעדער וואס איז הונגעריג זאל קודם קומען עסן די סעודה און ווערן זאט, נאכדעם וואס מען איז שוין זאט זאגט מען **"כל דצריך ייתי ויפסח"** קען מען שוין מאכן דעם קרבן פסח.

(רביה"ק בעל ברך משה זי"ע)

☆ ☆ ☆

**כל דכפין ייתי וייכול - לשנה הבאה בארעא דישראל:** עס איז געווען אמאל, ווען דער הייליגער **קדושת לוי** זי"ע האט אריינגענומען אין שטוב אן אומפאסיגער אורח, און די משפחה האבן אים געוואלט ארויסווארפן פון שטוב. אבער דער הייליגער בארדיטשוב'ער האט אים נישט געלאזט ארויסווארפן. האט ער געזאגט מיט זיין גרויס ענווה אז ווען משיח וועט קומען ווען ער וועט וועלן אריינגיין אין די סוכה פון די לויתן, וועט מען זאגן אויף אים אויך, אז ער איז נישט ראוי דערצו, דעמאלטס וועט מען זיך קענען אננעמען פאר אים, מיט דעם אז ער האט אויך נישט ארויסגעשיקט אן אורח שאינו הגון פון שטוב.

מיט דעם האט **כ"ק מרן רבינו שליט"א** געטייטשט (ליל הסדר תשס"ז) **'כל' דיכפין ייתי וייכול וכו'**, יעדער גאסט אפילו א נישט פאסיגער אורח קען אריינקומען צום סדר, ממילא **לשנה הבאה בארעא דישראל**, און דעמאלטס וועט מען אונז באצאלן פאר דעם, אז כאטש מיר וועלן נישט זיין ראוי צו זיצן צוזאמען מיט די צדיקים ווען משיח וועט קומען, וועט מען אונז נישט ארויסווארפן פון די סוכה פון לויתן.

☆ ☆ ☆

**השתא עבדי לשנה הבאה בני חורין:** לכאורה צו וואס דארף מען דערמאנען אז מיר זענען נאך קנעכט, א זאך וואס מיר ווייסן עס קלאר? נאר די כוונה קען זיין, אז מיר ווילן באמערקן אז מיר האלטן נישט ח"ו ווי די מינים ואפיקורסים וואס ווילן זיך נישט אונטערווארפן אונטער דעם עול הגלות וואס השי"ת האט אויף אונז ארויפגעווארפן, און ווילן זיך אליין באפרייען פון גוים'ס הענט. דערפאר זאגן מיר **"השתא עבדי"**, אין דעם זכות וואס מיר וועלן וויסן אז מיר זענען נאך קנעכט, און מיר ווילן נישט זוכן זיך אליין צו באפרייען פון דעם עול הגלות וועלן מיר זוכה זיין אז **"לשנה הבאה בני חורין"** מיר וועלן שוין בעזהשי"ת זיין פריי.

(הגדה מהר"י ט"ב)

☆ ☆ ☆

**מה נשתנה הלילה הזה:** פארוואס פרעגט מען **"מה נשתנה"** יעצט אין יו"ט פסח ווען מען נעמט ארויס די טייערע זילבערנע און גאלדענע כלים, יו"ט סוכות איז מען דאך אסאך מער משנה, מ'גייט ארויס פון די שטוב אין די סוכה אריין, דעמאלט'ס פרעגט מען נישט "מה נשתנה"?

נאר מען קען ענטפערן, ווייל אז מען גייט ארויס פון שטוב און מען גייט אריין אין א צייטווייליגע דירה, דאס איז דער סדר פון א איד אין גלות, אבער אז מען זעצט זיך מיט שיינע טייערע כלים דאס איז דער סדר פון א פריץ נישט פון א איד, וועגן דעם פרעגט מען פסח ביינאכט **"מה נשתנה"**.

(הפלא"ה)

☆ ☆ ☆

**ואילו לא הוציא הקב"ה:** דער בעל הגדה וויל דערמיט דערציילן ווי שטארק די אידן האבן מקבל געווען דעם עול הגלות. אז נאר ווייל השי"ת האט אונז ארויסגעצויגן זענען מיר ארויס פון מצרים, אבער **"אילו לא הוציא הקב"ה"** אויב דער אויבערשטער וואלט אונז נישט ארויסגעצויגן וואלטן מיר נישט ארויסגעגאנגען, אפילו מיר וואלטן געקענט אליין ארויסגיין. נאר מיר וואלטן ענדערש געבליבן **"משועבדים היינו לפרעה במצרים"**, ווייל מען טאר נישט נעמען אליין די גאולה, פאר די צייט וואס דער אויבערשטער אליין וועט קומען אונז אויסלייזן.

(דברי יואל)

☆ ☆ ☆

**ואפילו כלנו חכמים... מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים:** דארף מען פארשטיין, פארוואס זאלן מיר קלערן, אז ווייל מיר זענען קלוג און מיר קענען לערנען, זאל מען שוין נישט דארפן דערציילן די נסים פון יציאת מצרים? עס איז דאך א מצוה אין די תורה פונקט ווי אלע אנדערע מצוות וואס די תלמידי חכמים זענען נישט פטור דערפון?

ענטפערט רביה"ק בעל **ברך משה** זי"ע, לויט ווי דער **"ספר החינוך"** שרייבט, אז כאטש דער עיקר תכלית פון יציאת מצרים איז געווען כדי מיר זאלן מקבל זיין די הייליגע תורה אויפן בארג סיני, פונדעסטוועגן זאל מען פסח ביים סדר נישט ארום רעדן און פארציילן פון קבלת התורה. ווייל דער סדר נאכט איז באשטימט דווקא אויף צו דערציילן די גרויסע נסים פון יציאת מצרים.

דאס זאגט אונז דער בעל הגדה: **"אפילו כולנו חכמים... כולנו יודעים את התורה"** וואלט מען געקענט מיינען אז מען דארף רעדן פון קבלת התורה וואס דאס איז געווען דער עיקר ציל פון ארויסגיין פון מצרים, ניין, נאר **מצוה עלינו לספר "ביציאת מצרים"** אז עס איז א מצוה צו דערציילן די נסים פון יציאת מצרים, און דו זאלסט נישט מיינען אז דו וועסט דערציילן נאר אביסל פון יציאת מצרים, און דער עיקר וועסטו דערציילן פון קבלת התורה. ניין, נאר **וכל "המרבה" לספר "ביציאת מצרים" הרי זה משובח**, ווי מער מען דערציילט די נסים פון יציאת מצרים איז מען מער געלויבט ביים הייליגן באשעפער.

☆☆☆

**מעשה ברבי אליעזר וכו':** לכאורה איז שווער א קשיא, רבי עקיבא איז דאך געווען א תלמיד פון רבי טרפון, וואלט דאך געדארפט דער בעל הגדה דערמאנען קודם רבי טרפון און דערנאך רבי עקיבא? נאך איז שווער, וואס איז א חילוק צו וויסן אז די מעשה איז געווען אין בני ברק?

עס קען זיין פשט, וויבאלד רבי עקיבא איז געווען דער מרא דאתרא [ד.מ. דער רב] אין בני ברק, רעכנט אים דער בעל הגדה אויס פאר זיין רבי'ן רבי טרפון.

און טאקע וועגן דעם זאגט דער בעל הגדה וואו די מעשה איז געווען, צו פארענטפערן אז וועגן דעם רעכנט מען אויס רבי עקיבא פאר זיין רבי'ן רבי טרפון, ווייל רבי עקיבא איז דארט געווען רב.

(ברך משה)

☆☆☆

**מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע ור' אלעזר בן עזרי' ורבי עקיבא ורבי טרפון שהיו מסובין וכו':** דער בעל ההגדה וויל דא לאזן הערן א חידוש, אז כאטש די תנאים'ס עלטערן האבן נישט געארבעט אין מצרים, דאך האבן זיי מקיים געווען די מצוה פון סיפור יציאת מצרים. **רבי אליעזר** איז געווען א **כהן** – **רבי יהושע** איז געווען א **לוי**, – **רבי אליעזר בן עזרי'** און **רבי טרפון** זענען אויך געווען **כהנים** – און עס איז באקאנט אז שבט לוי האט נישט געארבעט אין מצרים – **רבי עקיבא**'ס עלטערן האבן אויך נישט געארבעט אין מצרים ווייל ער שטאמט דאך פון **גרים**. וואלט געווען א סברא אז זיי דארפן נישט אזוי שטארק מאריך זיין אין מצות סיפור יציאת מצרים, פונדעסטוועגן זענען זיי געזעסן א גאנצע נאכט און דערציילט די נסים פון יציאת מצרים.

(ערוגת הבושם)

☆☆☆

**מעשה ברבי אליעזר וכו' הגיע זמן קר"ש של שחרית:** איז דאך זייער שווער, ווי קומט דאס צו אזעלכע גרויסע צדיקים אז זיי זאלן ח"ו פארגעסן צו ליינען קריאת שמע, וואס דאס איז דאך א מצוה פון די הייליגע תורה?

עס שטייט אין **זוהר הק'**, אז די נאכט ווען מען איז ארויס פון מצרים איז געווען גאר ליכטיג אזוי ווי א טאג אינמיטן חודש תמוז, און בשעת די 5 הייליגע תנאים האבן דערציילט די נסים פון יציאת מצרים האבן זיי מיט זייער גרויס הייליגקייט געמאכט אז עס זאל זיין פאר זיי ליכטיג ווי "יענע" נאכט וואס די אידן זענען ארויס פון מצרים.

דאס זאגט דער בעל הגדה: **כל "אותו" הלילה** "יענע" נאכט, און עס איז געווען פאר זיי ליכטיג א גאנצע נאכט, פונקט ווי בייטאג. וועגן דעם האבן זיי נישט געוואוסט ווען עס איז געווארן טאג, וועגן דעם האבן די תלמידים געדארפט קומען זאגן אז עס איז שוין געווארן טאג און מען דארף שוין ליינען קריאת שמע.

(רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע)

☆☆☆

**כל ימי חייך וכו':** א איד דארף אלע זיינע יארן ארבעטן און זיך פלאגן מיט מצוות און מעשים טובים, כדי ער זאל דורך דעם צו ברענגען אז משיח זאל שוין קומען. דאס איז פשט: **"כל ימי חייך"** – אלע דיינע טעג דארפסטו ארבעטן, זיך אויפפירן גוט און ערליך, **"להביא לימות המשיח"** אז משיח זאל שוין קומען, במהרה בימינו אמן.

(תפארת שלמה)

☆☆☆

**ברוך המקום, ברוך הוא, ברוך שנתן תורה לעמו ישראל, ברוך הוא:** פארוואס שטייט 4 מאל דאס ווארט "ברוך"?

ענטפערט **הרה"ק רבי יונתן אייבשיץ זי"ע**, די גמרא זאגט אז עס איז דא פיר מענטשן וואס דארפן לויבן דעם אויבערשטן און גומל בענטשן. א) איינער וואס קומט ארויס פון תפיסה. ב) איינער וואס ווערט געראטעוועט פון א קראנקהייט. ג) איינער וואס איז אריבער א מדבר. ד) איינער וואס גייט אריבער א וואסער.

ווען די אידישע קינדער זענען ארויס פון מצרים האבן זיי געהאט אלע פיר זאכן: א) זיי זענען ארויס פון תפיסה פון מצרים. ב) זיי זענען אויסגעהיילט געווארן ביי מתן תורה. ג) זיי זענען אריבער דעם מדבר. ד) זיי זענען אריבער דעם וואסער ביי קריעת ים סוף.

וועגן דעם זאגן מיר פיר מאל דאס ווארט **"ברוך"**, צו דאנקען דעם אויבערשטן מיטן זאגן **"ברוך"** אויף אלע פיר זאכן.

☆☆☆

**אחד רשע:** לכאורה וואלט דער רשע - וואס ער איז דאס ווייניגסטע חשוב - געדארפט שטיין דער לעצטער פון די פיר קינדער, פארוואס שטייט ער גלייך נאך דעם חכם?

נאר אויב וואלט ער געשטאנען דאס לעצטע נעבן דעם "שאינו יודע לשאול" וואלט דער רשע מיט זיינע קשיות געקענט פארדרייען דעם קאפ פאר דעם שאינו יודע לשאול, ווייל ער וואלט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן פאר דעם רשע. האט מען אים געשטעלט נעבן דעם חכם, וואס אויב וועט ער פרעגן קשיות זאל אים דער חכם קענען ענטפערן ווי עס ברויך צו זיין.

(רביה"ק בעל ברך משה זי"ע)

☆☆☆

**רשע מה הוא אומר מה העבודה הזאת לכם וכו' בעבור זה עשה ה' וכו' אלו היה שם לא היה נגאל:** מען קען זאגן בדרך הלצה. לכאורה פארוואס האט מתקן געווען מ'זאל מאכן אסאך סימנים ביים סדר פאר די קלענערע קינדער, ווייל דער ציל איז זיי איינצוגעוואוינען אז זיי זאלן זיצן און ווארטן ביים טיש, און מ'עסט נישט די סעודה ביז ווען מ'ענדיגט דעם סדר פון די הגדה.

דער רשע האט נישט קיין געדולד צו דערציילן אזוי לאנג יציאת מצרים ער וויל שוין עסן, פרעגט ער **"מה העבודה הזאת לכם"** וואס דארף מען אזוי לאנג רעדן וועגן יציאת מצרים, לאמיר שוין עסן.

זאלסטו אים זאגן, אין מצרים איז געווען די בני אפרים, זיי האבן נישט געהאט קיין געדולד צו ווארטן ביז הקב"ה וועט זיי אויסלייזן, זענען זיי ארויסגעגאנגען פון מצרים פאר די צייט, האבן די פלשתים זיי אלעמען אויסגע'הרג'עט. זאגט מען פאר דעם רשע, **"בעבור זה עשה ה' לי בצאתי ממצרים"** ווייל איך האב געהאט געדולד וועגן דעם בין איך ארויס פון מצרים **"אלו היה שם לא היה נגאל"** ווען דו וואלסט דארטן געווען אין מצרים, וואלסטו אויך נישט געהאט קיין געדולד, וואלטסטו דאך ארויסגעגאנגען צוזאמען מיט די בני אפרים וואלטסטו ממילא נישט געווארן אויסגעלייזט.

(חתם סופר)

☆☆☆

**מתחילה עובדי ע"ז היו אבותינו:** לכאורה איז שווער, פארוואס דארף מען דערמאנען אין די הגדה אז מיר זענען אייניקלעך פון עובדי ע"ז? נאר א מענטש קען ווערן צובראכן ביי זיך און טראכטן, אז ער האט אזוי פיל געזינדיגט אז ער וועט זיך שוין קיינמאל נישט קענען דערנענטערן צום אויבערשטן, וועגן דעם זאגן מיר, **"מתחילה עובדי ע"ז היו אבותינו"** אונזערע עלטערן זענען אויך געווען בעלי עבירה, דאך האט זיי דער אויבערשטער דערנענטערט צו אים.

(עבודת ישראל)

☆☆☆

**ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו:** לכאורה וואלט געדארפט שטיין **"ואחר כך" קרבנו המקום לעבודתו**? נאר דער פשט איז, אז יעדע יאר ביים סדר איז אונז דער אויבערשטער נאכאמאל מקרב צו אים, און עס איז טאקע **"ועכשיו"** יעצט ביים סדר **"קרבנו המקום לעבודתו"** האט אונז דער אויבערשטער נאכאמאל דערנענטערט צו אים.

(דברי יואל)

☆☆☆

**מגביהין את הכוס, והיא שעמדה: כ"ק מרן רבינו שליט"א** זאגט בדרך צחות - מיט א מעשה וואס איז געווען - א פשט פארוואס מען הייבט אויף דעם כוס ווען מען זאגט והיא שעמדה: ווען דער טאטע זי"ע איז געווען אונטער די נאצישע נעגל פון די דייטשן ימ"ש, איז געווען דארט איינער פון די אפיצירן וואס איז געווען זייער א גרויסער שיכור, און האט זייער ליב געהאט דעם ביטערן טראפ, און מיט דעם האט מען אים געקענט אונטערקויפן, ער זאל נאכגעבן אסאך זאכן וואס מען האט אים געבעטן, און אפילו אויב מען האט נאר גערעדט פון דעם ביטערן טראפ איז ער שוין געווארן אונטערגעקויפט, און דורך דעם איז ארויסגעקומען אסאך טובות פאר אידישע קינדער.

דאס קען זיין א רמז **"מגביהין את הכוס"** מען הייבט נאר אויף דעם כוס, **"והיא שעמדה לאבותינו ולנו"** דאס אליין איז בייגעשטאנען פאר אונזערע עלטערן צו אונטערקויפן די רשעים.

☆☆☆

**"והיא" שעמדה לאבותינו ולנו: ו'** מיינט די ששה סדרי משנה - **ה'** מיינט די חמשה חומשי תורה - **י'** מיינט די עשרת הדברות - **א'** מיינט אחד אלוקינו. די אלע זאכן איז בייגעשטאנען פאר אונזערע עלטערן.

(אברבנאל)

☆☆☆

**שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו: "שלא אחד"**, אז אידן האלטן זיך נישט אינאיינעם מיט אחדות און ליבשאפט, **"עמד עלינו לכלותינו"**, דאס טוהט אונז פארלענדען.

(שפת אמת)

☆☆☆

**צא ולמד:** ווען מען זעצט זיך אוועק לערנען די הייליגע תורה, דארף מען ערשט "ארויסגיין" און זיך אפשיידן פון אלע גשמיות, און נישט אינזינען האבן די אייגענע גוף און גלוסטענישן.

**"צא"**, אז דו וועסט ארויסגיין פון די גשמיות, **"ולמד"**, דעמאלטס קענסטו זוכה זיין צו לערנען און פארשטיין די הייליגע תורה.

(רבי אהרן קארלינער זי"ע)

☆☆☆

**ולבן בקש לעקור את הכל:** פון וואו ווייסן מיר אז לבן האט געוואלט הרג'ענען יעקב מיט זיין גאנצע משפחה עס שטייט דאך נאר אז ער האט אים געוואלט שלעכט'ס טוהן?

עס קען זיין לויט די גמרא אין גיטין (דף ס"ב) וואס דארט לערנען מיר אז אויב איינער האט געמאכט א שליח צו מקדש זיין פאר אים א פרוי, און דער שליח איז נפטר געווארן, טאר דער מענטש

מער קיינמאל נישט חתונה האבן, ווייל אפשר די פרוי וואס ער וועט מקדש זיין, וועט זיין א קרובה פון די ווייב וואס דער שליח האט מקדש געווען, וואס עס איז אסור צו חתונה האבן מיט איר ע"פ תורה.

ווען אליעזר איז געגאנגען זוכן א פרוי פאר יצחק אבינו, האט אים לבן אריינגעלייגט סם אין טעלער, מן השמים האט מען אים אבער געראטעוועט, אבער אויב וואלט ווען געלונגען פאר לבן זיין פלאן וואלט יצחק מער קיינמאל נישט געקענט חתונה האבן, ווייל זיין שליח אליעזר וואלט דאך נפטר געווארן, וואלט נישט געקענט ארויסקומען א כלל ישראל. דאס מיינט דער בעל ההגדה, **"ולבן בקש לעקור את הכל"**.

(הרה"ק רבי אהרן מקוידינוב זצ"ל)

☆☆☆

**וירא את ענינו ואת עמלינו ואת לחצינו:** עס איז דא אסאך תירוצים פארוואס די אידן זענען ארויס פון מצרים פאר די פיר הונדערט יאר האט זיך געענדיגט.

דריי תירוצים איז מרומז אין דעם פסוק: איין תירוץ איז, ווייל די גזירה איז געווען נאר אויף די טעג, און די אידן האבן געארבעט אויך ביי די נעכט, דאס איז מרומז אין די ווערטער **"את ענינו"** אזוי ווי עס שטייט **"זו פרישות דרך ארץ"** אז די אידן זענען נישט אהיים ביינאכט.

דער צווייטער תירוץ איז, ווייל די אידן האבן שנעל געענדיגט די ארבעט, דאס איז מרומז אין די ווערטער **"את עמלינו"** אזוי ווי עס שטייט **"אלו הבנים"** אז עס איז געבוירן געווארן אסאך קינדער האט מען געקענט ארבעטן שנעל.

דער דריטער תירוץ איז, ווייל עס איז געווען זייער שווערע ארבעט, האט דער קושי השיעבוד משלים געווען. דאס איז מרומז אין די ווערטער **"ואת לחצינו"** אזוי ווי עס שטייט **"זו הדחק"** דאס מיינט אז מען האט געארבעט זייער שווער.

(חנוכת התורה)

☆☆☆

**עשר מכות:** בשעת ווען מען זאגט די מכות פירט מען זיך אראפ צוגיסן וויין פונעם בעכער, עס איז דא וואס פירן זיך אראפ צו גיסן מיטן פינגער, אבער אזוי ווי עס איז א מחלוקת מיט וועלכע פינגער מען זאל אראפגיסן, און פסח ביינאכט ווילן מיר יוצא זיין אלע שיטות, כאפט מען אן דעם בעכער מיט אלע פינגער'ס אזוי איז מען זיכער יוצא ווי יעדן.

(רביה"ק בעל ברך משה זי"ע)

☆☆☆

**ר' יוסי הגלילי אומר במצרים לקו עשר מכות, ר' אליעזר אומר וכו', ר' עקיבא אומר וכו':** דער **ווילנא'ער גאון זי"ע** זאגט א שיינע פשט כדי צו פארשטיין די מחלוקת פון די תנאים. ווייל לכאורה וואס איז אונז א חילוק וויפיל מכות די מצריים האבן געליטן, מער אדער ווייניגער? נאר דער פשט איז, ווייל עס שטייט אין פסוק, אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר די אידן: **"כל המחלה אשר שמתי במצרים, לא אשים עליך"** – די אלע קראנקהייטן וואס איך האב געלייגט אויף די מצרים וועל איך נישט לייגן אויף דיר. דערפאר זוכן די תנאים צו באווייזן אז די מצרים האבן געליטן ווי מער קראנקהייטן, כדי די ברכה פון "לא אשים עליך" זאל זיין אויף ווי מער מכות. אזוי האפן מיר אז מיר וועלן ווערן געראטעוועט פון אלע קראנקהייטן און זיי זאלן קומען אויף אונזערע פיינט.

☆☆☆

**על שום מה:** לכאורה וואלט געדארפט שטיין **"מצה זו על שום מה אנו אוכלים"**, און נישט **"אנו אוכלים על שום מה"**? נאר מיר אידישע קינדער זענען מקיים די מצות פונעם אויבערשטן אפילו מיר פארשטייען נישט דעם טעם פון דעם, וועגן דעם זאגן מיר **"מצה זו שאנו אוכלים, מרור זו שאנו אוכלים"**, קודם זענען מיר מקיים די מצוה אפילו מיר פארשטייען נישט דעם טעם, דערנאך פרעגן מיר **"על שום מה"** וואס איז דער טעם פון די מצוה.

(ילקוט הגרשוני)

☆☆☆

**הוציאנו, מעבדות לחרות, משעבוד לגאולה, ומאפילה לאור גדול:** לכאורה חזר'ט זיך איבער די זעלבע זאך נאכאמאל פארוואס דארף מען זאגן אזוי פיל לשונות?

ווייל כאטש אלע אידן זענען ארויס צוזאמען פון מצרים, דאך איז פאר יעדן איד געווען א אנדערע גאולה לויט זיין מדריגה. די אידן וואס זייער גלות איז געווען דאס וואס מען האט געארבעט שווער, האבן געהאט א גאולה **"מעבדות לחרות"**.

שבט לוי וואס האבן נישט געדארפט ארבעטן, נאר זיי זענען געווען אונטערטעניגט ווי עבדים, האבן געהאט א גאולה **"משעבוד לגאולה"**.

די אידישע קינדער וואס זענען געווען בני עליה, און האבן געוואלט דינען דעם אויבערשטן, אבער זיי האבן נישט געקענט, ווייל אין מצרים איז געווען אזא שטארקע טומאה, האבן געהאט א גאולה **"מאפלה לאור גדול"**.

(נועם אלימלך)

☆☆☆

**זכר למקדש כהלל:** הלל האט געוואלט ווייזן א רמז, אויף דעם וואס די משנה זאגט **"חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה"**, אז מען דארף לויבן דעם אויבערשטן אויף זאכן וואס זעהען אויס שלעכט, פונקט ווי מען לויבט אויף גוטע זאכן.

וועגן דעם האט ער געגעסן **"מצה"** וואס ווייזט אויף גוט'ס, און **"מרור"** וואס ווייזט אויף שלעכטס ח"ו, אז אויף ביידע דארף מען לויבן דעם אויבערשטן.

(רביה"ק בעל ברך משה זי"ע)

☆☆☆

# אוצר הטעמים

## פארוואס רופן מיר דעם נאכט סדר נאכט?

צדיקים האבן געזאגט: דאס הייסט "סדר נאכט" ווייל די נאכט איז א סדר אויף א גאנץ יאר, ווייל ווי אזוי מען פירט זיך אויף אין די נאכט וועט מען זיך אויפפירן א גאנצן יאר.

## פארוואס רופט מען דאס מה נשתנה ליכט?

אין ספר ילקוט אברהם שטייט: וועגן דעם רופט מען דאס אן "מה נשתנה" ליכט, ווייל די ליכטיגקייט פון די נאכט איז געווען אנדערש און גרעסער פון אלע אנדערע נעכט.

## פארוואס טוהען מיר אן א ווייסע קיטל?

דער מהרי"ל שרייבט: ווייל אין די נאכט פון פסח קען מען צוקומען צו די מדריגה פונעם כהן גדול ווען ער איז אריין געגאנגען אין קדשי קדשים, אין הייליגסטן טאג פונעם יאר יום כיפור, מיט ווייסע קליידער, וועגן דעם טוהען מיר אויך אן א ווייסע קיטל.

*

דער חתם סופר אין תורת משה זאגט: כדי זיך צו פארגלייכן צו מלאכים, וואס מיר טרעפן ביי זיי "איש לבוש הבדים" - דער מענטש וואס גייט אנגעטוהן ווייסע קליידער, און אין דעם טאג איז יעדער איד ווי א בן מלך וואס גייט אריין צום מלך, וועגן דעם טוט מען זיך אן בגדי מלכות.

## פארוואס הייסט דאס "הגדה"?

עס שטייט אין די גמרא מסכת פסחים, הגד"ה איז פון לשון "והגדת" לבנך. עס איז דא מפרשים וואס זאגן הגד"ה איז לשון הודאה און שבח צום באשעפער, ווי דער ירושלמי זאגט אויפן פסוק וואס מ'זאגט ווען מ'ברענגט ביכורים, "הגדתי" היום לה' אלוקיך, שבחית יומא דין, זעהען מיר אז הגד"ה איז לשון שבח.

## פארוואס לייגט מען א קערה אויפן טיש?

ווייל די אלע זאכן וואס ליגן אויף די קערה זענען מרמז אויפן שיעבוד אדער אויף די גאולה, דעריבער לייגט מען דאס בשעת מען דערציילט דעם שיעבוד און דעם סיפור יציאת מצרים.

## פארוואס לייגט מען צוויי תבשילים?

ווייל אין די צייט וואס דער ביהמ"ק איז געשטאנען האט מען געדארפט ברענגען דעם קרבן פסח בשעת מ'האט געזאגט די הגדה, יעצט אז דאס ביהמ"ק איז חרוב געווארן האבן די הייליגע חכמים מתקן געווען אז עס זאל זיין אויפן טיש צוויי געקאכטע זאכן, איינס א זכר צום קרבן פסח, און די צווייטע א זכר צום קרבן חגיגה.

## פארוואס מאכט מען סימנים ביים סדר?

**עס קען זיין דער ענין, לויט וואס מיר האבן געלערנט אין פרק "אלו מציאות", אז יעדע אבידה וואס האט סימנים דארף מען צוריקגעבן.**

**א גאנץ יאר איז יעדער איד נעבעך פארלוירן פון זיין אמת'דיגקייט, ער ווערט א בעל אבידה. אבער פסח ביינאכט ווען יעדער איד ווערט נתעורר אין עבודת ה' קען יעדער צוריק טרעפן אלעס וואס ער האט פארלוירן.**

**דאס זענען די סימנים מרמז, די מצות און די עבודה פון די היינטיגע נאכט, זענען די סימנים מיט וואס מ'קען צוריק באקומען די אבידה, וואס מ'האט א גאנץ יאר פארלוירן.**

הגדה "תפארת איש"
להרה"ק רבי אלתר ישראל שמעון מנאוואמינסק זי"ע,
נכד הרה"ק רבי מרדכי מנעשכיז זי"ע)

## פארוואס לייגט מען א זרוע?

"זרוע" איז א זכר פאר די "זרוע הנטויה", דער אויסגעשטרעקטער ארעם מיט וואס דער אויבערשטער האט ארויסגענומען די אידן פון מצרים.

## פארוואס לייגט מען א געקאכטע איי?

דער הייליגער רמ"א שרייבט: ווייל אייער איז אן עסנווארג פון טרויער'דיגע מענטשן. און יעדע יאר קומט אויס, אז די סדר נאכט געפאלט די זעלבע נאכט פון די וואך, ווי די נאכט פון תשעה באב, דערפאר זענען מיר מרמז אויפן טרויער פון דעם בית המקדש.

*

דער חתם סופר זאגט: ווייל די נאטור פון אן איי איז אנדערש פון אנדערע מאכלים, אנדערע מאכלים וואס מער מ'קאכט עס ווערט עס אלץ ווייכער, און אן איי וואס מער מ'קאכט עס ווערט עס אלץ הארטער, דאס איז א באוויז אויף דעם גייסטיגע שטארקייט וואס הערשט ביי אידישע קינדער, וואס מער מען פייניגט זיי און מען טיילט זיי אויס צרות, ווערן זיי אלעמאל פעסטער און שטארקער אין אמונה, אזוי ווי דער פסוק דערציילט ביי אונזערע עלטערן אין מצרים, "וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ", ווי מער מ'האט זיי געפייניגט אלץ מער האבן זיי זיך צושפרייט און צו-וואקסן.

## פארוואס לייגט מען מרור?

פאר א געדענקעניש פון "וימררו את חייהם" אז מען האט פארביטערט זייער לעבן.

## פארוואס לייגט מען חרוסת?

ווייל דאס איז א זכר פון די ליים וואס די אידן האבן געדארפט מאכן אין מצרים.

## פארוואס רופט מען דאס חרוסת?

ווייל אויף אראמיש, יעדע זאך וואס מען טונקט איין דערין עפעס ווערט אנגערופן חרוסת.

## פארוואס לייגט מען כרפס?

ווייל עס איז די אותיות "ס' פרך", דאס מיינט אז זעכציג מאל צען טויזנט אידן (ד.מ. זעקס הונדערט טויזנט מענטשן) האבן געארבעט "פרך" שווערע ארבעט אין מצרים.

## פארוואס לייגט מען דריי מצות?

דער טו"ז זאגט: וויבאלד אין מצה דארף מען צוברעכן ביי "יחץ", דערפאר נעמט מען נאך צוויי גאנצע מצות פאר לחם משנה.

*

נאך א טעם: קעגן "כהן" "לוי" און "ישראל".

*

דער הייליגער רוקח זאגט נאך א טעם: דאס איז אנטקעגן די דריי אבות אברהם יצחק און יעקב.

*

רב שרירא גאון זאגט: דאס איז א רמז צו די דריי סאה זעמל מעל וואס אברהם אבינו האט געהייסן פאר שרה זאל מאכן "עוגות מצות" און מיר האבן בקבלה אז יענער טאג איז געווען פסח.

## פארוואס טרינקט מען פיר כוסות?

מען טרינקט 4 כוסות, ווייל דאס איז קעגן די פיר לשונות פון אויסליזן וואס דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו: "והוצאתי", "והצלתי", "וגאלתי", "ולקחתי".

## פארוואס לאנט מען זיך אן?

דער רמ"א שרייבט: ווייל דער סדר איז געווען, אז די חשוב'ע מענטשן פלעגן עסן אנגעלאנט, ווילן מיר מרמז זיין אז מיר זענען שוין נישט קנעכט.

*

עס שטייט אין מדרש ויסב אלוקים את העם, פון דא האבן חז"ל געדרש'נט אז אפילו דער גרעסטער ארעמאן זאל עסן אנגעלאנט פסח ביינאכט, ווייל ויסב מיינט אז דער אויבערשטער האט זיי געמאכט ליגן אנגעלאנט אזוי ווי קעניגן.

## פארוואס מאכט יעדער איינער קידוש?

ווייל פסח ביינאכט איז א מצוה צו דערציילן די ניסים פון יציאת מצרים, און ביי קידוש דערמאנט מען יציאת מצרים.

## פארוואס וואשט מען זיך די הענט?

מען וואשט זיך די הענט ווייל מיר גייען איינטונקען אן עסנווארג (כרפס) אין וואסער, ווייל עס איז דא וואס האלטן אז ווען מען טונקט איין אין א עסן אין א טרינק, דארף מען זיך וואשן די הענט. אפילו די וואס פירן זיך נישט א גאנץ יאר, ביים סדר איז מען דאך מער מחמיר.

*

נאך א טעם זאגט דער רבי בעל דברי יואל זי"ע: חז"ל האבן אונז געוואלט לערנען, אז מיר זאלן מקיים זיין אלע זייערע תקנות כאטש מיר ווייסן נישט דעם ריכטיגן טעם, נאר מיר זאלן האבן אמונה פשוטה אין זייערע תקנות.

*

אין "אגודת אזוב" ווערט געברענגט נאך א טעם: ווייל אנהייב האט מען געמאכט קידוש אזוי ווי יעדן יום טוב, אבער יעצט וויל מען אריינגיין טיפער אין די הייליגקייט צו טוהן די אנדערע ענינים פונעם סדר, דעריבער דארף מען זיך וואשן אזוי ווי דער כה"ג פלעגט זיך טובל'ן יוה"כ ווען ער האט געטוישט בגדים פון איין עבודה צום צווייטן.

## פארוואס עסט מען כרפס?

עס שטייט אין גמרא מס' פסחים, ווייל די קינדער זאלן זעהן ווי מען טוט זאכן אנדערש ווי א גאנץ יאר, ווייל א גאנץ יאר הייבט מען גלייך אן די סעודה און היינט עסט מען קודם גרינצייג, און דאס וועט צוברענגען אז זיי זאלן פרעגן די פיר קשיות.

## פארוואס טונקט מען איין אין זאלץ וואסער?

דער הייליגער שר שלום פון בעלזא זי"ע זאגט א שיינער טעם: ווייל די אידן האבן זיך געמוזט מל'ען כדי צו קענען עסן די קרבן פסח, אזוי ווי עס שטייט, "כל ערל לא יאכל בו", און עס שטייט אין גמ' אז איינער וואס מל'עט זיך איז מחויב זיך צו טובל'ען. זענען אלע אידן געגאנגען זיך טובל'ן אין דעם נילוס, און דורך דעם וואס אזוי פיל אידן זענען אריין געגאנגען אין טייך, איז די טייך שמוציג געווארן, און עס האט אויסגעזעהן אזוי ווי זאלץ וואסער. אלץ זכר פאר דעם, טונקען מיר איין אן עסנווארג אין זאלץ וואסער.

## פארוואס מען צוטיילט די מצה ביי יחץ?

דער חתם סופר זי"ע זאגט א טעם: דער בעל הטורים זאגט אויפן פסוק "ליל שימורים הוא לה' להוציאם מארץ מצרים" אז די נאכט איז א ליל שימורים פאר אלע אידישע קינדער אין אלע זייערע דורות.

קומט אויס אז דער באשעפער האט צוטיילט די נאכט אין צוויי, א האלב פאר יציאת מצרים און די צווייטע האלבע פאר די גאולה לעתיד לבוא.

במילא, די קלענערע העלפט איז א רמז צו יציאת מצרים, וואס ס'איז נישט געווען א גאנצע גאולה, און די גרעסערע העלפט איז א רמז צו די גאולה שלימה, און וועגן דעם באהאלט מען דאס, ווייל דער טאג פון די גאולה איז באהאלטן פון יעדן מענטש, און קיינער ווייסט נישט ווען עס וועט זיין.

## פארוואס מאכט מען נישט א ברכה אויף די הגדה?

דער רי"ף ענטפערט: אז דאס וואס מען זאגט ביי קידוש "זכר ליציאת מצרים" דאס איז שוין די ברכה וואס מען מאכט אויף די הגדה.

*

דער רשב"א זאגט: וויבאלד דאס דערציילן פון יציאת מצרים האט נישט קיין שיעור, ווי מען זאגט אין די הגדה 'וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משובח', און אויף א מצוה וואס האט נישט קיין שיעור מאכט מען נישט קיין ברכה.

## פארוואס זאגט מען הא לחמא עניא אויף די אראמישע שפראך?

וויבאלד דאס זאגט מען פאר אלע מענטשן וואס זיצן ביים טיש. און אין דער צייט וואס מ'האט צוזאמען געשטעלט דעם הגדה, זענען געווען פיל מענטשן וואס האבן נאר פארשטאנען אראמיש.

*

דער הייליגער ערוגות הבושם זי"ע זאגט נאך א טעם: ווייל אלע תפילות פון א גאנץ יאר זאגן מיר אין לשון הקודש, ווייל מיר ווילן אז די מלאכים זאלן אונז העלפן אז די תפילות זאלן אנגענומען ווערן פארן אויבערשטן. אבער פסח ווייזן מיר אז וויבאלד דער אויבערשטער געפינט זיך צוזאמען מיט אונז ביים סדר, דארפן מיר נישט קיין הילף פון די מלאכים אז די תפילות זאלן אנגענומען ווערן. דערפאר זאגן מיר דאס אין אראמיש וואס די מלאכים פארשטייען נישט.

## פארוואס דעקט מען צו די מצות ווען מען הייבט אויף דעם כוס?

ווייל עס שטייט אין טור אין נאמען פון די ירושלמי, אז וויבאלד ברויט האט דאך א חשיבות מער ווי ווין, (ווייל דאס ווארט "חטה" שטייט פאר "גפן" אין פסוק) און דא מאכט מען חשוב'ער די ווין, ווייל מען מאכט קידוש (אדער מען הייבט אים אויף) דערפאר דעקט מען אים צו, כדי ער זאל נישט זעהן און ווערן פארשעמט.

## פארוואס הייבט מען אויף דעם כוס ווען מען זאגט והיא שעמדה?

דער לקט יושר זאגט: דוד המלך זאגט אין תהלים (קאפיטל קט"ז י"ג) "כוס ישועות אשא", א בעכער ווין וועל איך אויפהייבן און טראגן אין ביהמ"ק, צו דאנקען דעם אויבערשטן אויף זיינע ישועות. דערפאר ווען מיר הייבן אן צו דערציילן די ישועה וואס מיר האבן געהאט אין מצרים, הייבן מיר אויף דעם כוס.

## פארוואס גיסט מען אראפ ווין ביי די מכות?

דער מהר"ל זאגט: ווייל מיט דעם האבן מיר אינזינען, אז אלע מכות זאלן קומען אויף אונזערע שונאים.

*

דער ירושלמי זאגט: אז די פיר כוסות זענען מרמז אויף די פיר כוסות פון שטראף וואס דער אויבערשטער וועט געבן צו טרינקען פאר שונאי ישראל, דעריבער גיסן מיר אראפ אפאר טראפן, צו ווייזן אז די מכות פון מצרים איז נאר א טראפ פון וויפיל

דער אויבערשטער וועט שטראפן די שונאי ישראל.

## פארוואס מאכט מען נישט קיין שהחיינו אויף די מצות?

דער אבודרהם זאגט: ווייל מען האט שוין יוצא געווען די ברכה פון שהחיינו וואס מען האט געמאכט ביי קידוש.

*

דער רוקח זאגט: ווייל מען האט שוין יוצא געווען ביי די ברכה פון "אשר גאלנו", ווי מען האט געזאגט "והגיענו הלילה הזה לאכול בו מצה ומרור".

## פארוואס עסט מען צוויי כזיתים מצה?

דער מגן אברהם שרייבט: פון די אויבערשטע מצה עסן מיר א כזית, ווייל אויף דעם האט מען געמאכט די ברכה "המוציא" דארף מען לכתחילה עסן א גאנצע כזית, און פון די אונטערשטע מצה עסט מען א כזית ווייל אויף דעם האט מען געמאכט די ברכה "על אכילת מצה".

## פארוואס טונקט מען נישט איין די מצה אין זאלץ?

אין חלקת יהושע ווערט געברענגט, אז לויט דער לבוש איז דער טעם, ווייל עס איז אן ארימע ברויט. און לויטן מהרי"ל איז דער טעם: צו ווייזן א ליבשאפט פאר די מצה.

*

דער גר"א שרייבט: ווייל די מצה איז א ריינע ברויט.

## פארוואס נעמט מען גרינצייג אויף מרור

דער חתם סופר אין די דרשות זאגט: צו דערמאנען די חסדים פון השי"ת, אז דורך דעם וואס די אידן האבן געארבעט אין מצרים אין די פעלדער, האבן זיי כאטש געהאט צו עסן גרינצייג, אן קיין באגרעניצונג, און זיי זענען נישט אויסגעגאנגען פון הונגער.

## פארוואס עסט מען כורך?

ווייל דער תנא הלל הזקן (וואס ער האט נאך געלעבט אין די צייטן פון די בית המקדש, און ער האט געהאט די זכיה עולה רגל צו זיין און מקריב זיין דעם קרבן פסח), האט געטייטש דעם פסוק "על מצות ומרורים יאכלוהו", אז מען דארף צוזאם לייגן א שטיקל פון קרבן פסח מיט מצה און מרור און אזוי עס עסן. היינט וואס מיר האבן נישט קיין בית המקדש האבן מיר נישט קיין קרבן פסח, בלייבט נאר די מצה ומרור וואס מען עסט דאס צוזאמען.

## פארוואס עסט מען צוויי כזיתים ביי אפיקומן?

איינס, א זכר פאר דעם קרבן פסח, און איינס א זכר פאר די מצה וואס מ'האט מיטגעגעסן מיט דעם קרבן פסח.

*

דער מהרי"ל זאגט: ווייל מיר ווילן ארויסווייזן א גרויסע ליבשאפט צו די גרויסע מצוה פונעם אפיקומן, וועגן דעם עסן מיר א דאפלטע שיעור וואס איז צוויי כזיתים.

## פארוואס כאפן די קינדער די אפיקומן?

דער קאזניצער מגיד זי"ע זאגט: ווייל ווען מיר זאגן הלל פסח ביינאכט, האט דאס א גרויסן כח אין הימל, עס ברעכט דורך אלע טויערן, און מיר זענען דעמאלטס זוכה צו א גרויסע ליכטיגקייט.

כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן, און זוכה זיין צו די גרויסע ליכטיגקייט, כאפן זיי צו דעם אפיקומן, און זיי בלייבן אויף ביז נאכן סדר, זענען זיי אויך זוכה צו די גרויסע ליכטיגקייט.

## פארוואס עפנט מען די טיר ביי כוס של אליהו?

דער רמ"א שרייבט: אז מיר ווילן ווייזן מיט דעם, אז די נאכט איז א "ליל שמורים" און מיר האבן נישט קיין מורא פון קיינעם, און די זכות פון אונזער אמונה וועלן מיר געהאלפן ווערן אז משיח וועט קומען בקרוב אונז אויסלייזן.

*

נאך א טעם שרייבט דער הייליגער מהר"ל: ווייל מיר ווילן מפרסם זיין אז די גאולה שלימה איז אנגעהאנגען נאר אין די קומען פון אליהו הנביא, וועגן דעם עפנט מען אויף די טיר פאר זיין כבוד און מען גיסט אויך אן א כוס פאר זיין כבוד. (זעה אין "אוצר הידיעות" וואס רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט מוסיף געווען אויף די ווערטער פונעם מהר"ל).

## פארוואס עפענען די קינדער די טיר?

דער בעלזער רב הרה"ק רבי ישכר דוב זי"ע זאגט: עס שטייט אין רש"י אז איידער משיח וועט קומען, וועט דער אויבערשטער שיקן אליהו הנביא, און ער וועט רעדן צו די קינדער מיט א ליבשאפט, אז זיי זאלן מקרב זיין זייערע עלטערן צו די וועגן פונעם אויבערשטן, ווייל משיח גייט שוין קומען.

וועגן דעם שיקט מען די קינדער עפענען די טיר, אז ווען אליהו הנביא קומט, זאל ער שוין יעצט רעדן צו די קינדער, וויבאלד יעצט אין די נאכט פון פסח איז א עת רצון.

## פארוואס זאגט מען הלל פסח ביינאכט?

דער הייליגער חתם סופר שרייבט: ווייל דעמאלט'ס זענען די אידן געווען פארשפארט אין זייערע שטוב'ער ווען דער אויבערשטער האט אויסגעג'הרג'עט די בכורים אין מצרים, און די אידן האבן דעמאלטס געזאגט הלל, אלס זכר פון דעם זאגן מיר הלל.

## פארוואס זאגט מען שיר השירים פסח ביינאכט?

ווייל אין שיר השירים שטייט די פסוק "לסוסתי ברכבי פרעה וגו'", אין די פסוקים ווערן דערמאנט גלות מצרים און יציאת מצרים.

*

אין "שפתי צדיק" שרייבט ער נאך א שיינע טעם: וויבאלד חז"ל (תנחומא ה' א') זאגן "כל הכתובים קודש ושיר השירים קודש קדשים", איז כדי צו זאגן אזא הייליגע שיר, דארף מען זיך קודם מקדש זיין די מויל.

פסח ביינאכט וואס מיר זענען מקדש די מויל, דורך זאגן די הגדה, און דערציילן די אלע וואונדער וואס הקב"ה האט מיט אונז געטוהן, און נאך וואס מיר האבן געגעסן די הייליגע מצות, איז די פאסיגסטע צייט צו זאגן שיר השירים וואס דאס איז קודש קדשים.

## פארוואס זאגט מען "חד גדיא"?

דער הייליגער יעב"ץ שרייבט: ווייל ביים סדר טיש זיצט יעדער איד ווי א מלך און מען איז זייער פריליך, קען מען חלילה צוקומען צו נישט גוטע זאכן. וועגן דעם זאגט מען "חד גדיא" וואס דורך דעם וועט מען צוקומען צו מורא האבן פונעם באשעפער.

## פארוואס ליינט מען נישט גאנץ קריאת שמע?

דער רמ"א שרייבט: וויבאלד אלע קאפיטלעך (חוץ די ערשטע קאפיטל) וואס מ'זאגט ביי קריאת שמע, איז וועגן שמירה, און די נאכט איז א אפגעהיטענע נאכט, דעריבער זאגט מען דאס נישט. (זעה באריכות אין "אוצר הידיעות").

# אוצר הצדיקים

## די אבות ואמהות קומען צום סדר

די טאכטער פונעם הייליגן זידיטשוב׳ער זי״ע, איז געווען א שנור ביים הייליגן קאלוב׳ער זי״ע. איינמאל איז זי פארבעטן געווארן דורך איר שווער זי זאל קומען צו אים אויף פסח. אין אנפאנג האט זי אפגעזאגט און נישט געוואלט קומען, אבער איר טאטע דער הייליגער זידיטשוב׳ער האט איר געזאגט זי זאל יא פארן, ווייל זיין סדר האט זי שוין געזען, און יעצט זאל זי זעהן אויך דעם סדר פון איר הייליגן שווער. נאך פיל איינבעטענישן האט זי מסכים געווען צו פארן.

ווען דער הייליגער קאלוב׳ער זי״ע איז אהיימגעקומען פון שול האט ער זיך ארומגעדרייט אהין און צוריק ביז 11 ביינאכט, און פאר דעם הייליגן זידיטשובער׳ס טאכטער האט דאס זייער געשטערט, ווייל איר טאטע פלעגט זיך זעצן צום סדר גלייך ווען ער איז אהיימגעקומען פון שול, כדי ער זאל קענען עסן די אפיקומן פאר חצות. פלוצלינג האט זי געזעהן ווי איר שווער עפנט די פענסטער, און עס קומט צו א וואגן צוגעשפאנט צו צוויי פערד און אין איר זענען געזעסן שרים און שרות, און דער הייליגער קאלוב׳ער האט זיי אויפגענומען בסבר פנים יפות, און דערנאך האבן זיי א קנאק געטוהן מיטן בייטש און זענען ווייטער געפארן, דעמאלטס האט דער הייליגער קאלוב׳ער פארמאכט די פענסטער און זיך געזעצט צום סדר.

נאך יו״ט ווען זי איז צוריק אהיים געפארן, האט איר, איר הייליגער פאטער געפרעגט וואס זי האט געזעהן פסח ביי איר שווער, האט זי אים דערציילט די אויבנדערמאנטע מעשה, און זי האט זיך באקלאגט אויף די אויפפירונג פון איר שווער. האט איר דער הייליגער זידיטשוב׳ער געזאגט: ״זאלסט וויסן אז די שרים און שרות וואס דו האסט געזעהן, זענען געווען די אבות הקדושים מיט די הייליגע אמהות, ווייל דיין הייליגער שווער האט נישט געוואלט זיך זעצן צום סדר ביז די גאולה וועט קומען, ביז די אבות ואמהות זענען געקומען און אים געזאגט אז עס איז נאכנישט די ריכטיגע צייט דערצו.

## די בקשה פון דער שר פון די מייז

אין ספר ״מנחם ציון״ ווערט דערציילט איבער די חומרות פון רבי׳ן רבי מענדעל׳ע פון רימינוב זי״ע, אז ער האט געגעסן בלויז זעקס מצות אין משך דעם גאנצן יו״ט פסח, דאס זענען געווען די מצות וואס ער האט גענומען צו די צוויי סדרים. און די מצות זענען אויך געבאקן געווארן מיט גרויס שמירה און א קדושה יתירה, דורך זיינע הייליגע תלמידים, מיט גרויסע חומרות וואס מ׳הערט כמעט נישט. נאכן שניידן די ווייץ האט ער געדונגען א ספעציעלן שומר ער זאל היטן די ווייץ א גאנץ יאר, צו מקיים זיין די מצוה פון ״ושמרתם את המצות״, ער האט געהאט דערביי א גרויסע עבודה, און פון די ווייץ איז נאכן קלויבן מאלן און זופן, ארויסגעקומען זעקס מצות אויף פסח וואס ער האט געהאט פאר די צוויי סדרים.

אין ספר ״מבשר צדק״, ווערט דערציילט נאך איבער זיינע חומרות, אז איינמאל האט ער אנגעגרייט די מצות מיט גרויס טירחה און מען האט עס באהאלטן אין א אפגעהיטן ארט אין א קעסטל, האט זיך אהין אריינגעגנב׳עט א מייזל און האט דורכגעלעכערט צוויי מצות, ווען דער צדיק האט דאס באמערקט האט ער זיך אזוי שטארק מצער געווען, אז ער האט געוואלט מבטל זיין די מייז פון די וועלט.

איז דער שר פון די מייז געקומען צו אים מיט בקשות ותחנונים אז ער זאל אויף אים רחמנות האבן, ביז ער איז מיט גרויסע שוועריקייטן באוויליגט געווארן אים אפצולאזן. דערנאך האט מען באמערקט ווי עס זענען אריינגעקומען א גרויסע מחנה פון מייז אינעם הויז פונעם צדיק און האבן גענומען יענעם מייז וואס האט דורכגעלעכערט די מצות און אים צוריסן אויף שטיקער.

## כדי די קינדער זאלן נישט איינשלאפן

ביים סדר נאכט ביים הייליגן שפאלער זיידע זי״ע, זיצט דער עולם אין אן ערנסטע שטימונג און ווארט אז מ׳זאל אנהייבן דעם סדר, דער הייליגער שפאלער זיידע קומט אריין און רופט אויס: ״קדש״, און ווייזט פאר זיין זון זאל זאגן וואס דער רבי אין חדר האט אים אויסגעלערנט, דער קינד הייבט גלייך אן צו זאגן: ״ווען דער טאטע קומט אהיים פון שוהל טוט ער זיך אן די ווייסע קיטל און ער מאכט שנעל קידוש״.

דער עולם שטייט שוין און ווארט, אז דער הייליגער שפאלער זיידע זאל נעמען די בעכער אין די הענט און אנהייבן קידוש, אבער דער הייליגער שפאלער זיידע שטייט פארזינקען

## דורך מעשיות קען מען פועל׳ן ישועות

**פסח ביינאכט שנת תשי״א, ווען רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע איז אנגעקומען צום פיוט ״מעשה ברבי אליעזר וכו׳״, האט דער רבי זי״ע געפרעגט: וואו קומט אריין א מעשה אינמיטן די הגדה?**

**און ער האט געענטפערט, אז עס איז באוואוסט פון צדיקים, אז אויב מען וויל פועל׳ן א ישועה, דערציילט מען א מעשה פון א צדיק, און דורך דעם קומט די ישועה.**

**דעריבער, פסח ביינאכט ווען גאנץ כלל ישראל ווארט אויף די גרויסע ישועה, אז משיח צדקינו זאל אונז קומען אויסלייזן פון גלות, דערציילט מען א מעשה פון די גרויסע צדיקים, און דאס וועט אונז ברענגען א ישועה.**

אין זיינע מחשבות און ווארט, ענדליך רופט ער זיך אן צום קינד: "פארוואס זאגסטו נישט ווייטער?"

דער קינד שטייט פארוואונדערט און ער פארשטייט נישט וואס דער טאטע מיינט צו זאגן מיט דעם, און ווי דער טאטע זעהט זיין וואונדער, גיבט ער אים א פרעג: "דיין רבי האט נישט אויסגעלערנט ווייטער?" און אזוי ווי דער קינד ענטפערט: "ניין", זאגט אים דער הייליגער שפאלער זיידע: "מען דארף ענדיגן: כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן און קענען פרעגן די מה נשתנה". און תיכף האט דער הייליגער שפאלער זיידע אויפגעהויבן דעם בעכער און מיט גרויס התלהבות אנגעהויבן קידוש.

אויפצומארגנ'ס ביי די סעודה, איז דער מלמד אריבער געקומען צו די סעודה פון דעם הייליגען שפאלער זיידע, און אזוי ווי דער הייליגער שפאלער זיידע האט אים געזעהן גיבט ער אים א פרעג: "פארוואס לערנסטו נישט אויס די קינדער דעם טעם פארוואס דער טאטע דארף שנעל מאכן קידוש?"

רופט זיך אן דער מלמד: "איך האב געמיינט אז דער טעם איז נישט וויכטיג, ווייל דער דין אז מען דארף שנעל מאכן קידוש גייט דאך אן אפילו דארט וואו עס איז נישטא קיין קליינע קינדער". הייבט דער הייליגער שפאלער זיידע אן צו שרייען אויף אים: "ווי קענסטו זאגן אז דאס איז נישט וויכטיג, דו ביזט דען חשוב'ער פון אלע מלמדים פון ביז היינט, און די פארשטייסט בעסער פון זיי? דו זאלסט וויסן אז דו פארשטייסט נישט אונזערע מקובל'דיגע מנהגים, און דו זאלסט נישט וואגן מער צו גרינגשעצן און צו פארענדערן לויט דיין פארשטאנד די מנהגים פון די פריער'דיגע מלמדים".

און דא האט זיך דער הייליגער שפאלער זיידע אויסגעדרייט צום עולם און געזאגט: "דער הייליגער זוהר הק' ברענגט, אז כנסת ישראל זאגט פארן באשעפער אז מיר זענען אין גלות אין די בחינה פון "פארשלאפן", און מיט דעם הייבן מיר אן דעם סדר, ווען דער טאטע קומט אהיים פון שול, דאס מיינט צו זאגן, ווען דער טאטע פון הימל קומט אהיים פון שול פסח ביינאכט און ער זעהט ווי זיין הייליג פאלק די אידן, אפילו זיי זענען אויסגעמוטשעט און פארפלאגט פון די ארבעט פון פאר פסח, מיט דעם אלעם, זענען זיי אלע געקומען אין בית המדרש און געזאגט הלל פארן באשעפער, מיט התלהבות און השתפכות הנפש, מאכט ער שנעל קידוש, דארף ער שנעל באנייען אונזער קדושה און אונז אויסלייזן פון גלות כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן, דאס גייט ארויף אויף די אידן וואס זיי ווערן אנגערופן "ילד שעשועים", זאלן נישט פארשלאפן ווערן איינגאנצן אין דעם טונקעלן גלות, און ח"ו זיך מייאש זיין פון די גאולה, און קענען פרעגן די "מה נשתנה", אז מיר אידן פרעגן פון באשעפער "מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות", פארוואס איז דער גלות לענגער ווי אלע אנדערע גליות".

זאגנדיג די ווערטער האט דער הייליגער שפאלער זיידע אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל מיט א געוויין און געזאגט: "טאטע אין הימל נעם אונז ארויס פונעם גלות, ווילאנג מיר ווארטן נאך אויף די גאולה און לאז אונז נישט חלילה אינגאנצן פארשלאפן ווערן אין דעם פינסטערן גלות".

אבער יעצט, זאגט דער הייליגער שפאלער זיידע פארן עולם: "לאמיר וויזן פארן באשעפער אז דאס קליין קינד קען טאנצן אפילו אין אזא טונקלקייט פון דעם גלות". און צוזאמען האט זיך דער גאנצער עולם ארויסגעלאזט אין א פייער'דיגן ריקוד לכבוד יו"ט.

## וכאן הבן שואל - מען בעט אויף קינדער

א חסיד איז אמאל געפארן צו זיין רבי'ן דער "תפארת שלמה" זי"ע. דער איד האט געדארפט געהאלפן ווערן, ווייל שוין אכצן יאר וואס ער האט חתונה געהאט און ער האט נאך נישט געהאט קיין קינדער. האט אים דער רבי געהייסן קומען צום קומענדיגן סדר, פסח ביינאכט.

איידער דער רבי האט אנגעהויבן צו זאגן די "מה נשתנה" האט ער צוגערופן דעם חסיד, און געהייסן פארליינען וואס עס שטייט אין די הגדה פאר "מה נשתנה", האט ער געליינט: "כאן הבן שואל" (דא פרעגט דער זוהן די קשיות). האט אים דער רבי געזאגט: "כאן הבן שואל - דא קענסטו אויסבעטן א זוהן".

אזוי איז טאקע געווען, א יאר שפעטער איז אים געבוירן געווארן א זוהן!

## שאינו יודע לשאול

"ווילט איר וויסן וואס עס מיינט א שאינו יודע לשאול? וועל איך אייך דערציילן אן עובדא וואס איז מיט מיר אליין געווען" - האט דער רבי ר' נחום פון טשערנאביל געזאגט צו זיינע חסידים.

און ער האט זיי דערציילט א מעשה וואס איז פארגעקומען מיט אים: אין דער צייט ווען ער פלעגט ארומפארן איבער שטעטלעך און דערפלעך, און קיינער האט נישט געוואוסט ווער ער איז. איז אין א געוויסע נאכט אים אויסגעקומען צו איבערנעכטיגן אין הויז פון א דארפישן איד, זייער אן איינפאכער איד מיט גאנץ קנאפע ידיעות אין אידישקייט, דער איד האט פארמאגט עטליכע קוהען מיט ציגן און הינער, און מיט דעם האט ער זיך אפגעגעבן א גאנצן טאג. ווען דער רבי ר' נחום איז געקומען אין זיין הויז אריין, האט ער אים שטארק מכבד געווען, זעענדיג אז דער איד איז נישט קיין פשוט'ער וואנדערער, נאר עפעס א "רבי", ער האט אים אפגעגעבן א באזונדערע שטוב צום שלאפן און צום לערנען.

אינמיטן די נאכט, איז דער רבי ר' נחום אויפגעשטאנען און האט אפגעראכטן "חצות" מיט גרויסע בכיות, ווי זיין שטייגער איז געווען אלעמאל, ער האט זיך אבער דאס מאל אזוי צו-וויינט אויפ'ן קול, אז דער בעל הבית האט זיך אויפגעוועקט, און איז שנעל געקומען צו לויפן זען וואס עס קומט עפעס פאר ביים אורח אין צימער.

"וואס איז אייך רבי" - פרעגט דער בעל הבית - "פארוואס וויינט איר אזוי, עס טוט אייך עפעס וויי? דער קאפ, דער מאגן?"

"ניין" - ענטפערט דער רבי - "איך קלאג אויפן חורבן בית המקדש און אויפן גלות".

"וואספארא חורבן, רבי" - וואונדערט זיך דער בעל הבית.

הייבט אן דער רבי ר' נחום אים צו געבן צו פארשטיין, אז מיר האבן געהאט אמאל א בית המקדש, און עס איז איידער חרוב

געוואָרן, מיר זענען פאַרטריבן געוואָרן פון אונזער לאַנד, וואו מיר האָבן געלעבט מיט גרויס רחבות, אַן ארץ חמדה, אַצינד בעט איך פון השי"ת ער זאָל אונז שיקן משיחן אויסצולייזן פון דאַ און ברענגען קיין ארץ ישראל. - "ביזטו גרייט צו גיין קיין ארץ ישראל?" פרעגט דער רבי דעם בעל הבית.

"הממ... איך ווייס?" - ענטפערט דער בעל הבית - "איך מוז מיר פריער איבערשמועסן מיט מיין ווייב, ווער ווייסט צי עס לוינט זיך..."

אין עטליכע מינוט קומט דער בעל הבית צוריק מיט אַן ענטפער: "ניין. מיין ווייב האַלט מיר זאָלן נישט גיין קיין ארץ ישראל, עס איז אַ שאַד איבערצולאָזן דאָס גאַנצע פאַרמעגן, די קוהען, די ציגן, די הינער, ווי קענען מיר עפעס איבערלאָזן דאָ אַלצדינג און נאָכגיין נאָך משיחן?"...

"אָבער דאָ איז אייך דען גוט?" - לאָזט דער רבי נישט אָפּ - "די ווילדע גוים באַפאַלן אייך פון צייט צו צייט און באַרויבן און באַגזלנען אייך, אין ארץ ישראל וועט נישט זיין קיין גוים".

גייט דער בעל הבית ווידער זיך איבערעדן מיט זיין ווייב, און קומט צוריק מיט אַ תשובה.

"זאָל דער רבי מתפלל זיין אַז די גוים זאָלן גיין קיין ארץ ישראל און מיר וועלן קענען בלייבן דאָ מיט אונזערע קוהען און ציגן"...

דער רבי ר' נחום האָט פאַרענדיגט צו דערציילן די מעשה און האָט זיך צופלאַמט: "ושאינו יודע לשאול את פתח לו..."

## "א-ת פתח לו"

דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע איז געפאָרן אויפן וועג קיין ארץ ישראל באַגלייט פון זיין חסיד ר' צבי סופר זצ"ל. דער בעש"ט האָט זיך געוואָלט באַגעגענען מיטן אור החיים הקדוש זי"ע, און צוזאַמען אַרבעטן מקרב צו זיין די גאולה אַז משיח זאָל קומען. דער צייט פון די גאולה איז אָבער נאָך נישט אָנגעקומען, האָט דער שטן אונטערגעלייגט פאַרשידענע שטערונגען אויפן וועג אַז דער בעל שם טוב זי"ע האָט געמוזט צוריק אַהיים פאָהרן.

אינמיטן וועג האָבן רויבער'ס זיי געכאַפּט און געבינדן אין קייטן און זיך געגרייט זיי צו פאַרקויפן פאַר קנעכט. פון גרויס ווייטאָג האָט דער בעל שם טוב זי"ע פאַרלוירן זיין רוח הקודש און אַלע הויכע מדריגות. האָט איהם ר' צבי סופר געפרעגט: "רבי, פאַרוואָס טוהט איר גאַרנישט קעגן זיי?" האָט דער בעש"ט זי"ע געענטפערט אַז ער האָט פאַרלוירן זיינע אַלע הויכע מדריגות, און ער האָט שוין נישט מער קיין כח קעגן זיי ווייל ער האָט אַלעס פאַרגעסן.

האָט דער בעש"ט זי"ע געבעטן ר' צבי סופר ער זאָל איהם דערמאָנען די "אַלף-בית". דער בעש"ט זי"ע האָט נאָכגעזאָגט מיט קדושה און גרויס ברען און התלהבות די אַלע 22 אותיות פון

## קרבן פסח פאַר די צדיקי הדור

**אַמאָל ביים סדר פאָרן עסן דעם אפיקומן, האָט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געזאָגט: "עס איז באַקאַנט וואָס עס שטייט אין משנה, אַז אין בית המקדש האָט קיינמאָל נישט געטאָרט זיין ווייניגער ווי זעקס טלאים, זעקס לעמעלעך, כדי אַז עס זאָל אייביג גרייט זיין דער קרבן תמיד מקריב צו זיין ווען מען וועט דאָס דאַרפן, אָבער ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן וואו זענען די טלאים אַפילו געקומען?"**

**"נאָר - האָט דער הייליגער דברי חיים געזאָגט - נאָכן חורבן בית המקדש האָט מען גענומען די טלאים אין מדבר און זיי מערן זיך דאָרט, און פון זיי איז אליהו הנביא מקריב יעדן טאָג צוויי לעמעלעך אַלס דער קרבן תמיד".**

**דער דברי חיים האָט דערביי דערציילט אַ מעשה, אַז דער הייליגער ישמח משה זי"ע האָט געבעטן פון השי"ת אַז ער וויל האָבן די זכיה דאָס צו זעהן. האָט מען איהם געוויזן פון הימל ווי אַזוי מלאך מיכאל איז דער כהן הדיוט און אליהו הנביא דער כהן גדול און זיי זענען מקריב דעם קרבן תמיד.**

**האָט דער הייליגער דברי חיים צוגעלייגט, אַז געווי אַזוי איז אויך אליהו הנביא יעדע יאָר פסח מקריב דעם קרבן פסח, און די מנויים אויפן קרבן פסח זענען די צדיקי הדור פאַר וועמען אליהו הנביא ברענגט פונעם קרבן און זיי עסן דאָס. כאָטש מיר זענען נישט אין ארץ ישראל און נישט אין ירושלים, ברענגט דאָס אליהו הנביא מיט אַן אוירא דארץ ישראל און ירושלים פאַר די צדיקים. און די וואָס זענען דבוק אין די צדיקים און זיי גלייבן דערין זיי האָבן די זכי' אַזוי ווי זיי וואָלטן אַליין געגעסן.**

**האָט דער צאַנזער רב געזאָגט: "איר וועט אוודאי מיינען אַז איך רעד דאָ ברוחניות, ניין, איך רעד דאָ טאַקע בגשמיות, די צדיקים עסן אַ געהעריג שטיקל פלייש פונעם קרבן פסח. איי מיר זענען דאָך טמאי מתים? אָבער די הלכה איז טומאה נדחה בציבור, דעריבער זענען מיר אין ירושלים און מיר עסן פון קרבן פסח".**

**דער רבי בעל דברי יואל זי"ע האָט דערציילט די מעשה און ער האָט צוגעלייגט אַז ווען דער הייליגער דברי חיים האָט דאָס געענדיגט דערציילן האָט ער אָנגעהויבן צו עסן דעם אפיקומן מיט גרויס התעוררות און ברען, אַז יעדער ווער עס איז דאָרט געווען האָט זיך געדאַכט אַז ער זעהט דעם דברי חיים עסן די פלייש פון קרבן פסח.**

**מיט די מעשה האָט דער רבי זי"ע, געטייטשט: "כל דצריך" די צדיקים וואָס האָבן אַ מעגליכקייט (צריך איז אַ לשון פון יכולת, מעגליכקייט) "ייתי ויפסח" זאָלן קומען דאָ עסן דעם קרבן פסח, כאָטש "השתא הכא" מ'איז אין חו"ל, אָבער "לשנה הבאה" וועלן אַלע אידן עסן "בארעא דישראל".**

די א-ב, אז פון די קדושה האט זיך אויפגעריסן די שטריק און די רויבער׳ס זענען אנטלאפן.

דאס קען זיין דער רמז: "ושאינו יודע לשאול" דער וואס קען שוין גארנישט רעדן ווייל ער האט אלעס פארגעסן, "א-ת" - דאס מיינט מען די אותיות פון "אלף" ביז "תיו" - "פתח לו", ווערט פאר אים געעפנט די אלע טויערן פון הימל און די ישועה קומט שנעל.

## דצ״ך עד״ש באח״ב

הגה״ק ר׳ אברהם שמחה הורוויץ זצ״ל דער בארנוב׳ער רב האט דערציילט אז ער האט געהערט פון זיין זיידן רבי אליעזר דזיקוב׳ער זי״ע אז ער איז געווען מיט זיין הייליגער טאטע דער ראפשיצער רב זי״ע ביים סדר אין לובלין, און ווען דער הייליגער חוזה זי״ע איז אנגעקומען צו די ווערטער "דצ״ך עד״ש באח״ב", האט ער געזאגט "דרייט זיך א דייטש באחב", און די סדר איז געווען אז ווען דער חוזה האט געזאגט אנדערש ווי עס שטייט אין הגדה האט דער עלטסטער פון די חברייא אים געזאגט ער זאל ארייננקוקן און עס איבערזאגן, און אזוי האט געטוהן דער ראפשיצ׳ער רב זי״ע, ער האט געוויזן פארן חוזה ער זאל ארייננקוקן און עס איבערזאגן, און דער חוזה האט ארייגעקוקט, אבער ער האט נאכאמאל געזאגט ווי פריער, "דרייט זיך א דייטש באחב", און דער ראפשיצ׳ער רב האט נאכאמאל אים געזאגט ער זאל איבערזאגן, אבער עס האט נישט געהאלפן, האט מען פארשטאנען אז עס איז נישט קיין פשוט׳ע זאך.

אין די ערשטע נאכט חול המועד, איז אנגעקומען איינער פון די תלמידים פון דעם חוזה, רבי שמעון אודערבערגער זי״ע, וואס מען פלעגט אים רופן רבי שמעון דייטש, ווייל ער איז געקומען פון דייטשלאנד, און ווען ער איז אריין נעמען שלום פון דעם חוזה, האט אים דער חוזה געזאגט אז מיר האבן זיך משתתף געווען מיט אייער צער, וואס איר האט געהאט בשעת׳ן זאגן די הגדה. ווען די חברייא האבן עס געהערט האבן זיי פארשטאנען אז דער חוזה האט געמיינט מיט זיינע ווערטער דרייט זיך א "דייטש" באחב, זיין תלמיד רבי שמעון "דייטש", און ווען ער איז ארויס פון דעם חוזה האבן זיי אים געפרעגט וואס עס איז געווען מיט אים?

האט ער זיי דערציילט אז ער איז ארויסגעפארן אויף פסח צום רבי׳ן קיין לובלין, און אויפן וועג אינעם דארף "אחעוו" האט זיך צובראכן די וואגן, און ווילאנג מ׳האט עס פאראכטן איז שוין נישט געווען קיין צייט אנצוקומען קיין לובלין בין איך דארט געבליבן אויף די ערשטע צוויי טעג יו״ט, און פסח ביינאכט ווען איך האב געהאלטן אינמיטן די הגדה האב איך זיך פארגעשטעלט ווי דער הייליגער חוזה מיט די חברייא זיצן ביים הייליגן סדר, און איך האב צו דעם נישט זוכה געווען, און פון גרויס צער האב איך מפסיק געווען מיט די הגדה, און איך בין ארויס אין גאס און געוויינט. האבן אלע שוין פארשטאנען אז דער חוזה האט עס מרגיש געווען, און וועגן דעם האט ער געזאגט "דרייט זיך א דייטש באחב".

## דאס חשיבות פון די תמימים

דער הייליגער שר שלום פון בעלז האט געהאט א מנהג יעדן פסח ארויסצוגיין אין גאס, און זיך צוהערן ווי אידישע קינדער פראווען די סדרים. איינמאל ווען ער האט אריינגעקוקט אין פענסטער ביי א פשוט׳ע אידישע שטוב, האט ער באמערקט ווי דער בעל הבית - זייער א פרומער - זאגט די הגדה, און ווען ער איז אנגעקומען צו "גאל ישראל" איז אנשטאט אויסצוטרינקען די צווייטע כוס האט ער זיך געשטעלט דאווענען שמונה עשרה, אזוי ווי ער איז געוואוינט אז נאך גאל ישראל דאוונט מען שמונה עשרה, דער רבי האט זיך אנגערופן צו זיין גבאי זייער ערנסט און געזאגט: "זאלסט וויסן אז אין הימל ביים באשעפער איז זייער חשוב די סדר פון דעם פשוט׳ן איד, ווייל ער מיינט דאס זייער ערנסט, און דו זאלסט וויסן אז אין הימל האט ער יעצט זייער אסאך אויסגע׳פועל׳ט, ביז יעצט האט דער איד נישט געהאט קיין קינדער ר״ל און יעצט מיט זיין תמימות האט ער אויסגע׳פועל׳ט און ער וועט זוכה זיין צו ערליכע קינדער.

## די מפלה פון דעם פריץ

ווען דער שר שלום פון בעלזא זי״ע האט אנגעהויבן צו בויען די שול אין בעלזא, האט דער פריץ פון די שטאט אנגעהויבן אנצוטוהן צרות און ענג צו מאכן פאר אים זיינע וועגן. ער האט געסטראשעט אז קעגן איבער דעם שול וועט ער בויען א קירכע גרעסער און העכער פון דעם שול.

דערווייל איז שוין אנגעקומען פסח, און דער פריץ האט ארויסגעגעבן א ביטערע גזירה אז מען טאר נישט מאכן קיין שום מצה בעקעריי אין שטאט ווייל עס קען צוברענגען צו פייער-אויסברוך.

די איינוואוינער׳ס אין בעלזא זענען געווארן זייער צובראכן און טרויער׳דיג פון די ביטערע בשורה, אבער מהר״ש זי״ע האט זיך פון דעם איבערהויפט נישט וויסנדיג געמאכט. און ער האט יעדן איינעם בארוהיגט אז מען וועט נאך באקן פיל מצות אויף פסח.

די פאליציי וואס דער פריץ האט ארום געשיקט צו זעהן אויב די אידן היטן אפ זיין באפעל, האבן דערציילט פאר דעם פריץ אז די איינוואוינער׳ס זענען טאקע זייער טרויער׳דיג, אבער זייער רבי בארוהיגט זיי אז זיי וועלן נאך באקן פיל מצות.

דאס האט זייער אויפגערעגט דעם פריץ, און ער האט מורא געהאט דאס די הויפט אידן פון די בעלזער געמיינדע, וועלן נאך קענען ערלעדיגן ביי די העכערע רעגירונג׳ס מיניסטארן, צו מבטל זיין די גזירה. דערפאר האט ער באשלאסן געשווינד אריבערצופארן צו דעם הויפט מיניסטער וואס געוועלטיגט אויף די אלע שטעטלעך און דערפער, און אים ערקלערן ווי געפערליך עס וועט זיין אויב מען וועט ערלויבן די אידן צו באקן מצות.

אנצוקומען צו יענעם מיניסטער, האט מען געמוזט אריבער פארן א שמאלן בריק. ווען דער פריץ איז אנגעקומען צו יענעם שמאלן בריק, האט ער באמערקט, ווי קעגן אים רייט דער פריץ פון "היבניב". אזוי ווי שטאלצע פריצים וואס זענען נישט מוותר פאר זייער כבוד, האבן זיך די צוויי אנגעהויבן ארום צו קריגן ווער עס מוז אפטרעטן פארן צווייטן און פריי מאכן דעם וועג. פון שרייען מיט די מויל האבן זיי אנגעהויבן זיך צו קריגן מיט די הענט, ביז דער פריץ פון בעלזא איז גע׳הרג׳ט געווארן.

די גזירה פון מצות איז בטל געווארן, און אויך דער פראבלעם פון דעם שול איז צונישט געווארן. און דער שטאט בעלזא איז געווארן צהלה ושמחה.

**הָרַחֲמָן הוּא יַנְחִילֵנוּ לְיוֹם שֶׁכֻּלּוֹ טוֹב לְיוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוּךְ לְיוֹם שֶׁצַּדִּיקִים יוֹשְׁבִים וְעַטְרוֹתֵיהֶם בְּרָאשֵׁיהֶם וְנֶהֱנִים מִזִּיו הַשְּׁכִינָה. וִיהִי חֶלְקֵנוּ עִמָּהֶם:**

# אוצר החכמה

## בדיקת חמץ

דער סלאנים'ער רב **הגאון רבי אייזל חריף זצ"ל** האט אמאל געזען, ווי א עושר וואס איז געווען באוואוסט אלס א קארגער, איז זייער שטארק בודק חמץ זיין טאש.

האט ער אים געזאגט אז ער איז פטור צו בודק זיין די טאש'ן, ווייל די גמרא (פסחים ח' ע"א) ברענגט אז מען דארף בודק זיין נאר **"עד מקום שידו מגעת"**, און זיינע הענט קומען קיינמאל נישט אן צום טאש...

## א בלוט בלבול?

ווען דער צדיק **הרה"ק רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב זי"ע**, איז געוואויר געווארן, אז שונאי ישראל האבן אויסגעטראכט א "בלוט בלבול" אויף א איד, אז ער באנוצט זיך מיט קריסטליכע בלוט אויף צו באקן מצות, איז דער בארדיטשוב'ער רב זי"ע אליין ערשינען פאר די ריכטער און ער האט זיי געזאגט:

"קומט און זעהט ווי אזוי מיר באקן די מצות, און דאן וועט איר זיך אליין איבערצייגן אז מיר באקן נישט די מצות מיט **קריסטליכע** בלוט, נאר מיט **אידישע** בלוט, בלוט און שוויס פון אידן, וועלכע מוטשען זיך און פלאגן זיך מיט אלע זייערע כוחות צו באקן די מצות מיט זריזות, ווי די הלכה איז".

## מילכיג'ע ד' כוסות

א איד האט געפרעגט דעם **בריסק'ער רב** ז"ל, אויב ער קען יוצא זיין די ד' כוסות מיט מילעך? האט ער אים געפרעגט פארוואס זאלסטו נישט טרינקען קיין וויין? האט ער געענטפערט ווייל עס איז זייער טייער, האט דער בריסק'ער רב אים געגעבן פינעף און צוואנציג רובל!

ווען דער מענטש איז שוין געגאנגען האבן אים זיינע קינדער געפרעגט, פארוואס ער האט אים געגעבן פינעף און צוואנציג רובל, ווען די וויין פאר ד' כוסות קאסט נישט מער ווי א פאר רובל? האט ער זיי געענטפערט, אז אויב דער מענטש וויל טרינקען מילעך פאר די ד' כוסות מוז דאך זיין אז ער האט אויך נישט קיין פלייש אויף סעודות יו"ט...

## יחץ

עס ווערט דערציילט, אז אמאל האט הרה"ק **רבי אייזיק'ל זידיטשוב'ער זי"ע** געשיקט זיינע קינדער צו הרה"ק **רבי אליעזר פון דזשיקוב זי"ע**, און האט זיי געהייסן אים פרעגן, פארוואס אין די תפילין לייגט מען אריין "פיר" פרשיות, אין ציצית איז דא "פיר" ציצית, ביי לולב נעמט מען "פיר" מינים, אזוי אויך די כוסות ביים סדר זענען "פיר". אויב אזוי פארוואס מצות נעמט מען נאר דריי?

ווען זיי האבן געפרעגט די שאלה פון הייליגן דזשיקוב'ער, האט ער זיי געענטפערט: "נו, דערפאר צוברעכט מען איין מצה אויף צוויי, און ממילא איז שוין דא פיר מצות"...

## עבדים היינו לפרעה במצרים

די גבאי צדקה פון "קמחא דפסחא" אין שטאט **"קאוונא"** האבן זיך דורך געשמועס'ט מיטן רב דער גאון **רבי יצחק אלחנן זצ"ל**, וועגן א געוויסער קארגער גביר וועלכער וויל נישט געבן קיין מינדעסטע פרוטה פאר צדקה. די גבאים האבן געפרעגט דעם רב: "ווי אזוי קען דער איד זאגן ביים סדר **כל דכפין ייתי ויכול**, ס'איז דאך א וויסטע שקר און אויסנארונג"?

ענטפערט זיי דער רב: "די שאלה פרעגט אים טאקע זיין זוהן: **מה נשתנה**, וואס איז אנדערש די נאכט פון אלע נעכט, אז ער לאדנט איין די ארימעלייט צו עסן א סעודה?

"ענטפערט דער טאטע: **'עבדים היינו לפרעה במצרים'**, און אזוי ווי פרעה האט צוגעזאגט און נישט מקיים געווען, די זעלבע טוה איך. איך לאדן איין ארימעלייט צו די סעודה, אבער איך בין נישט גרייט דאס צו מקיים זיין.

## אחד חכם ואחד רשע

אין ראפשיץ איז אמאל פאר פסח אריינגעקומען אין ביהמ"ד א איד א פארקויפער פון ספרים, און האט אויסגעפאקט א גאנצער זאק נייע הגדה'לעך, ער האט זיך געווענדן צו יעדן איד אין בית המדרש און פארגעשלאגן צו קויפן א נייע הגדה אויף פסח.

דער הייליגער **ראפשיצער רב זי"ע**, האט זיך דאן אויסגעדרייט צום עולם און געזאגט: "קויפט אידן! קויפט אייך נייע הגדה'לעך! אלע אנדערע ספרים מעגן זיין פון פאר א יאר, און אפילו גאנץ אלטע, עס קען זיין אן אלט סידור'ל, אן אלט מחזור'ל, אן אלט תהילים'ל, אבער נישט קיין אלטע הגדה'לע. א הגדה טויג נישט קיין אלטע, און אפילו נישט פון פאר א יאר, ווייל די ארבעה בנים פון דער הגדה זענען קיינמאל נישט די זעלביגע, זיי טוישן זיך אפילו פון איין יאר צום צווייטן. דער רשע פון אמאל איז היינט אינגאנצן נישט קיין רשע, דער חכם פון פאר א יאר איז היינט גאר א שאינו יודע לשאול, און דער היינטיגער שאינו יודע לשאול, וועט מסתמא איבער א יאר זיין דער חכם"...

## ואחד רשע ואחד תם

דער הייליגער **ראפשיצער רב זי"ע**, האט אמאל געזאגט בדרך צחות, פארוואס דער בעל הגדה האט געשטעלט דעם רשע פון די ארבעה בנים פארן תם, מיט וואס איז דער רשע מער יחסן פונעם נַאר, אז עס קומט אים צו ווערן אויסגערעכנט פריער?

נאר דאס איז ווייל דער נאר שטייט מיט איין מדריגה נידעריגער פון דעם רשע, ווייל דער רשע קען אין איין מינוט תשובה טוהן, אבער "נַאר בלייבט נַאר".

## אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן

ביים הייליגן **חוזה פון לובלין זי"ע** איז געווען א בדחן איינער פון זיינע תלמידים וואס האט געהייסן **רבי מרדכי ראקאווער זצ"ל**, וואס ווען דער חוזה האט נישט געקענט אויפנעמען מענטשן פלעגט ער זיך זעצן אויף דעם חוזה'ס פלאץ, און פלעגט ענטפערן שאלות פאר מענטשן.

איינמאל ווען ער איז געזעסן אויפן חוזה'ס פלאץ, איז אריינגעקומען א אידענע – זי האט נישט געוואוסט אז דאס איז נישט דער חוזה - זי האט זיך אפגערעדט אז די מייז ביי איר אין שטוב קייען אלעס אויף אפילו דעם שולחן ערוך. דער רבי – רבי מרדכי - האט איר געגעבן א עצה זי זאל אריינלייגן ברעקלעך אפיקומן אין די שאפעס וועלן די מייז מער נישט עסן.

זי האט טאקע געטוהן די עצה אבער עס איז נאר געווארן ערגער, די מייז האבן געלעכערט אלע קליידער, זי איז שנעל צוריק געקומען צום רבי'ן, און דאס מאל איז דאס שוין יא געווען דער הייליגער חוזה, אין די פרוי האט אנגעהויבן צו טענה'ן אז דייט דעם רבינ'ס עצה איז געווארן אסאך ערגער.

דער חוזה האט גלייך פארשטאנען אז זיין תלמיד רבי מרדכי האט געענטפערט פאר די פרוי אנשטאט אים, האט ער אים געשיקט רופן און ער האט אים געפרעגט פארוואס ער האט געגעבן די עצה פון לייגן ברעקלעך אפיקומן? האט ר' מרדכי געענטפערט, ווייל די הלכה איז אז נאך אפיקומן טאר מען גארנישט עסן, האב איך געקלערט אז נאך דעם וואס די מייז וועלן עסן דעם אפיקומן וועלן זיי שוין גארנישט עסן.

האט אים דער חוזה געפרעגט: "פון וואו זאלן די מייז וויסן פון די הלכה אז מען טאר נישט עסן נאך אפיקומן?" האט רבי מרדכי געענטפערט: "די פרוי האט דאך קלאר געזאגט אז די מייז ביי איר אין שטוב קייען גוט אויס דעם שולחן ערוך, דארפן זיי דאך קענען די הלכות"...

## מתחילה עובדי ע"ז היו אבותינו

**הרה"ק רבי ישראל פון טשארטקוב זי"ע**, האט אמאל גע'מוסר'ט א איד, פארוואס ער גיבט פאר זיינע קינדער א פרייע חינוך. דער איד האט זיך געוואלט בארעכטיגן, האט ער געזאגט פארן צדיק: "רבי, איך זענט נאך פון די אלטע דור, היינט איז שוין נייע צייטן, און די צייט פאדערט נייע זאכן".

האט אים רבי ישראל זי"ע געענטפערט: "איר זענט זיך טועה, פונקט פארקערט, איך בין פון די נייע, און איר זענט פון די אלטע, ווייל אזוי שטייט דאך, **'מתחילה עובדי ע"ז היו אבותינו'**, אבער **"ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו"**...

## ואחרי כן יצאו ברכוש גדול

מ'האט געפרעגט פאר **הרה"ק רבי מאיר פון פרעמישלאן זי"ע**, פארוואס ביים סדר נאכט נעמט מען מרור - א זכר צום שעבוד; חרוסת - א זכר צו די טיט; מצה - א זכר צו לחם עוני; און פארוואס מאכן מיר נישט קיין שום זכר צו די **"רכוש גדול"** וואס די אידן האבן געהאט ביים ארויסגיין פון מצרים?

האט רבי מאיר'ל זי"ע געענטפערט, אז מיט רעכט מאכן מיר א זכר נאר צו די אויבנדערמאנטע זאכן, ווייל פון די מרור און די שעבוד גיבט אונז נאך דער אויבערשטער ביזן היינטיגן טאג, אבער פון די רכוש גדול איז דאך גארנישט איבערגעבליבן און ס'איז שוין נישטא קיין שום זכר פון דעם, במילא דארפן מיר נישט מאכן קיין זכר.

## רבי יהודה היה נותן בהם סימנים...

דער גאון **רבי העשיל פון קראקא זי"ע**, איז געווען אלץ קינד מיט זיין טאט'ן א גאסט ביי איינעם אויפ'ן סדר, דער בעל הבית איז געווען א גרויסער קמצן, און ער האט זיי געגעבן א קליינע בעכער צו די ד' כוסות, ווען מען איז אנגעקומען ביי די הגדה צו רבי יהודה היה נותן בהם סימנים, האט דער גאסט געזאגט פאר'ן בעל הבית אז עס איז אים איביג שווער געווען פארוואס האט רבי יהודה געדארפט געבן די סימנים?

אבער יעצט איז עס אים פארענטפערט געווארן, ווייל רבי יהודה איז געווען א חכם און ער האט פארשטאנען אז פאר די געסט וועט מען געבן קליינע בעכער'ס צו די ד' כוסות, און ווען זיי וועלן אנקומען צו די צען מכות, וואס די מנהג איז צו אויסגיסן פון די וויין, וועט זיי גארנישט בלייבן, וועגן דעם האט רבי יהודה געמאכט פון די צען מכות נאר דריי, וואס אזוי וועלן די געסט דארפן גיסן נאר דריי מאל. (מגד ירחים)

## מרור

א חסיד האט זיך אמאל באקלאגט פארן הייליגן **קאצק'ער רבי** זי"ע, אז עס איז אים נעבעך זייער ביטער און ער וואלט שוין געוואלט וואס שנעלער איבערקומען די שלעכטע צייטן.

האט אים דער קאצק'ער רבי געפרעגט: "וואס איילט איר זיך אזוי? די הלכה איז **"בלע מרור לא יצא"**, מען איז נישט יוצא די מצוה פון מרור בלויז מיט אראפשלינגען. מרור מוז מען גוט צוקייען, מרור מוז מען עסן מיט כוונה, און דערביי טיף אריינטראכטן און פארשטיין צוליב וואס, און פארוואס, מען האט אים מכבד געווען מיט מרור, וואס מען וויל אים דערמיט מרמז זיין, און וואס מען פארלאנגט פון אים".

## לך ולך, לך כי לך, לך אף לך

דער **דובנא'ער מגיד זי"ע** איז אמאל געגאנגען אין גאס, איז צוגעקומען צו אים איינער פון די משכילים און ער האט אים געפרעגט פארוואס שטייט די צען מכות אין די הגדה, און נישט ביי **ויתן "לך"**, ווייזנדיג מיטן פינגער אויף דעם דובנא'ער מגיד.

האט ער אים געענטפערט ווייזנדיג מיטן פינגער צום משכיל, ווייל אין **ויתן "לך"** שטייט דאס נאר איינמאל, אבער אין די הגדה שטייט **"לך ולך" "לך כי לך" "לך אף לך"**...

## שיר השירים

א איד איז געקומען צום גאון **רבי אייזל חריף זצ"ל** און אים געבעטען א הסכמה אויף א ספר וואס ער האט ארויסגעגעבן, דער איד האט דערביי אנגעהויבן צו ארפליגן פארן גאון, וועלכער גרויסער יחסן ער איז.

האט אים רבי אייזל געזאגט, שלמה המלך האט מחבר געווען **"שיר השירים"**, אבער ער האט נישט געמאלדן דארט זיין יחוס, נאר געשריבן אין קורצן **"שיר השירים אשר לשלמה"**. און פונדעסטוועגן האט דער חיבור נושא חן געווען, און באקומען א הסכמה פון חז"ל (ידים ג'), אז **"כל הכתובים קודש ושיר השירים קודש קדשים"**.

שלמה המלך האט אבער מחבר געווען נאך א חיבור **"קהלת"**, דארט שרייבט ער שוין יא זיין יחוס, **"דברי קהלת בן דוד מלך ירושלים"**, פונדעסטוועגן טרעפן מיר אין גמרא (מס' שבת דף ל'), **"ביקשו חכמים לגנוז ספר קהלת"**.

האט רבי אייזל אויסגעפירט פאר דעם איד, אז פון דעם זעהען מיר אז ביי א הסכמה רעכנט מען זיך נישט מיט יחוס...

# די סדר נאכט אין שפאניע

אין יאר ה' אלפים ש"ל, ארום 80 יאר נאכן גירוש שפאניע, האט געלעבט אין די שפאנישע שטאט טאלידא א רייכער מאן, מיטן נאמען פרץ מאטיירא. זיין עלטער זיידע איז געווען איינער פון די באקאנטע אנוסים וואס האבן אפגעהיטן אידישקייט אין געהיים, און אזוי ערצויגן זייערע קינדער און אייניקלעך.

האט פאסירט אזא מעשה.

די עלטערן פון פרץ זענען געקומען אויף דער עלטער, און נאך א קורצע קראנקהייט זענען זיי געשטארבן. זיי האבן איבערגעלאזט א רייכע ירושה, א הערליכן פאלאץ, און אסאך אסאך געלט, וואס איז אלעס אריבער צו פרצ'ן.

דערנעבן האט אבער געוואוינט א רייכער שכן, און יענער האט זיך דוקא פארגלוסט אפצוקויפן דעם רייכן פאלאץ וואס פרץ האט נארוואס גע'ירש'נט פון זיינע עלטערן. פארשטייט זיך, אז פרץ האט נישט געהאט גרויס חשק צו פארקויפן אזא טייערן פאלאץ, וואס אויסער די הערליכקייט און רייכקייט האט דאס ביי אים נאך געהאט א גרעסערן חשיבות, אז דאס האט ער באקומען פון זיינע פארשטארבענע עלטערן. ווען דער שכן האט געזעהן, אז פרץ וויל נישט נאכגעבן זיין פארלאנג, האט ער געברענט פאר כעס.

דער שכן האט זיך דערוואוסט, אז פרץ איז פון די באהאלטענע "אנוסים", און איז אים געגאנגען פאר'מסר'ן ביי די פארשאלטענע אינקוויזיציע, אז "פרץ איז א איד..."

רעכענענדיג זיך צווישן די רייכע לייטן אין שפאניע, האט פרץ געהאט גוטע פארבינדונגען מיט עטליכע גוטע פריינד וואס האבן אויך געארבעט "לפנים" ביי די אינקוויזיציע, און יענע האבן אים איבערגעגעבן איבער דעם געפאר וואס הענגט אויף זיין קאפ. פרץ איז ערשיטערט געווארן, אבער האט זיי באדאנקט פאר די צייטיגע מעלדונג. ער האט געמאכט פארברייטערונגען אויסצוארבעטן א פלאן צו אנטלויפן.

ער האט אבער אביסל פארשפעטיגט...

זיצנדיג אזוי אין זיין שיינעם פאלאץ, איז פלוצים אנגעקומען א מעלדונג, אז די פאליציי פון די אינקוויזיציע האבן ארומגערינגלט דאס הויז. פרץ האט זיך אבער אויף דעם אויך באווארנט, און האט זיך גיך דערלאנגט צום קעלער, געכאפט א גרויס בינטל געלט, און זיך ארויסגעלאזט צום געהיימען אנטלויף הייל וואס איז אויסגעבויט געווארן אונטער דעם פאלאץ דורך זיינע עלטערן, פאר דעם צוועק.

* * *

נאך א שיינעם אפגאנג, איז פרץ אנגעקומען צום ענדע פון הייל, און האט זיך ארויסגעשלייכט צו די אפענע נאכט. א זילבערנע לבנה האט געפינקלט איבער די הימלען פון טאלעדא, און א באלזאמיגע פרילינג ווינטל וואס האט געשוועבט אין די לופטן האט אנגעזאגט פרצ'ן, אז דער לוח האלט איצט ביי די ערשטע טעג אין חודש ניסן.

וואו גייט מען אבער ווייטער?

נאך א קורצן איבערטראכטן האט פרץ באשלאסן, זיך צו לאזן קיין מאדריד, די הויפט שטאט פון שפאניע. אפשר וועט אים געלונגען זיך צו טרעפן מיט אידישע ברידער און זיך אויסבאהאלטן ווילאנג דער געפאר וועט אריבערגיין. געזאגט און געטאן, ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, און איז אנגעקומען אין דרייצן טאג אין ניסן, א טאג בעפאר ערב פסח.

עס איז געווען א שיינער אינדערפרי, ווען פרץ האט זיך ארויסגעלאזט אין שטאט צווישן די הייזער, פארצווייפלט און צובראכן, זוכנדיג שפורן וואס זאל אים צופירן צו א אידיש הויז וואו ער זאל קענען פראווען דעם גרויסן יום טוב, און מיטהאלטן א סדר נאכט. מארגן איז שוין ערב פסח, און ביי אים איז נאכנישט דא קיין זכר פון יום טוב.

עס האט געהערשט א גרויסער טומל אין דעם פרימארגן פארנומענקייט אויף די גרויסע גאסן פונעם הויפטשטאט, איבערהויפט ביי דעם גרויסן מארק אינמיטן שטאט. פון די פילע דערפער ארום מאדריד האבן געשטראמט מאסן פויערן מיט זייערע אלע ערליי עסנווארג און ארטיקלען, צו ברענגען אין מארק, פארקויפן און איינלייזן עטוואס צום לעבן. צוויי פויערן מיט א קארב גרינסן האבן פארכאפט פרצ'ס אויפמערקזאמקייט, און ער איז זיי שטילערהייט נאכגעגאנגען, אליינס נישט וואוסנדיג פארוואס.

אנקומענדיג צו דעם קווארטל אין מארק וואו מען האט געשטעלט אלע גרינסן צום פארקויפן, האט פרץ אויפאמאל דערזעהן א געוויסן רייכן מאן וועלכער האט געמיטליך שפאצירט אין מארק, און זיין דינער האט געהאלטן אין די האנט... מרור! אפמעסטנדיג די בליקן פון דעם רייכן מאן, האט פרץ גרינג אנגעמערקט א געוויסע פארדעכטעניש, אדער א פארכטיגע געהיימניס, און האט אליינס נישט געקענט באשלוסן וועלכעס איז ריכטיג.

אויפאמאל האט א געדאנק אויפגעבליצט אין זיין מוח: 'איז דער מאן אפשר א איד, וואס קויפט ירקות צום סדר? און אפשר וועט ער קענען ביי אים איינשטיין אויף איבער יום טוב?' א שרעק האט אנגעכאפט פרצ'ן צו קלערן, אז עס קען אויך זיין אז ער מאכט א טעות, און מיט ציהען דעם אויפמערקזאמקייט פון דעם רייכן מאן, און ווער רעדט נאך פון צוגיין פרעגן וועגן פסח, קען ער זיך דערמיט גאר דירעקט אריינווארפן אין די האנט פון א פאנאטישן קאטאליק וואס וועט האלטן גאר פאר א "מצוה" אים גליך צו פאר'מסר'ן ביי די אינקוויזיציע? ...

אזוי האבן זיך זיינע געדאנקען ארומגעשלאגן איינס איבער די אנדערע, ביז ער איז געקומען צום באשלוס, אז ער וועט יא פרעגן. דער מאן האט שוין געהאלטן ביים אהיימגיין, און פרץ האט באאבאכטעט ווי דער מאן איז פאמעליך צוגעגאנגען צו א רייכע דראטשקע וואס האט אים אפגעווארט נישט ווייט פון מארק. דער דינער האט גענומען אלעס וואס מען האט איינגעקויפט, ארויפגעלייגט אויפן דראטשקע, און דער קוטשער האט זיך געגרייט צו פארן.

פרץ האט גענומען לויפן צום וואגן, אבער עס האט שוין אנגעהויבן צו פארן ווען ער האט דאס דערגרייכט. פרץ האט דעריבער א כאפ געטאן די שטארקע אקסן וואס האבן אנגעהאלטן דעם גרויסן דראטשקע, און זיך באפעסטיגט דערויף. אזוי איז ער מיטגעפארן מיטן וואגן... ביז מען איז אנגעקומען צו דעם שיינעם פראכטיגן הויז, וואו דער מאן האט געוואוינט.

ווי נאר די דראטשקע האט זיך אפגעשטעלט, איז פרץ אראפגעשפרונגען, און איז צוגעקומען צום בעל הבית, וועלכער איז קענטליך געווען איבערראשט איבער דעם אומגעראכטענעם גאסט... "מיין הער", האט פרץ אנגעהויבן, "ערלויבט מיר אריינצוגיין אין שטוב. איך האב אייך א וויכטיגע ידיעה איבערצוגעבן."

דער מאן האט אים געווינקען, און פרץ איז געגאנגען נאך אים. פרץ איז באאיינדרוקט געווארן פון דעם פראכטפולן הויז. זיי האבן שפאצירט דורך מארמארנע טרעפ, טיילוויז איבערגעדעקט מיט טייערע געפלאכטענע טאפעטן, און די קארידארן באהאנגען מיט קונסטליכע טעפיכער. ענדליך זענען זיי אנגעקומען צו א גרויסן צימער.

"וואס ווילסטו?" פרעגט דער בעל הבית.

פרץ – וועלכער האט פרובירט צו באקעמפן די צווייפלען וואס האבן אים גענומען פייניגן איבער זיין גאנצע פלאן... – האט זיך אנגעשטרענגט מיט אלע קרעפטן צו הערשן אויף זיך. ענדליך האט ער זיך אנגערופן מיט א שטילע, ציטערדיגע שטימע:

"מיין הער. איך האב דיר געזעהן איינקויפן אויפן מארק מרור צום סדר וואס מען וועט מארגן פראווען..."

דאס געזיכט פונעם רייכן מאן איז געווארן ווייס ווי שניי.

"אה", האט ער ענדליך אויסגערופן, "דו ווילסט פון מיר אויסנארן געלט. דו ווילסט אויף מיר מסר'ן ביי די אינקוויזיציע. עס וועט דיר גארנישט העלפן. אלע ווייסן אז איך בין א פרומער קאטאליק..."

ביי פרץ אין די אויגן האבן זיך באוויזן פייכטע טרערן. "חס ושלום", האט ער געזאגט אין א צובראכענע שטימע, פרובירנדיג צום לעצטן מאל. "איך בין געקומען ביי אייך צו געפינען אן ארט פון רוה. איך בין נישט מער ווי אן אומגליקליכער מאראנא (אנוס)."

אין יענעם מאמענט – איינזעענדיג אן צווייפל די ריכטיגקייט פון זיינע ווערטער – איז דער בעל הבית אינגאנצן אנדערש געווארן צו פרצ'ן. ער האט אים הארציג געהאלדזט און געזאגט: "געבענטשט ביזטו מיין פריינד. בלייב שוין דא ביי מיר, ווייל דא ביסטו פארזיכערט פון יעדע סכנה. כל דצריך ייתי ויפסח – ווער עס וויל קען קומען אויף יום טוב צו מיר. דו וועסט פראווען מיט אונז דעם סדר, מיט א זיכער הארץ און א פרייליכן געמיט!"

* * *

דער בעל הבית האט צוגעפירט פרץ צו א צימער וואס ער האט אים אוועקגעגעבן פאר יום טוב. דאן האט ער פארגעשטעלט דעם אורח פאר זיין משפחה.

"דאן אנטאניא י. בענקא איז מיין נאמען", האט דער בעל הבית דאן געזאגט, "מאכט איך גרייט צום יום טוב, און אין אוונט וועלן מיר אלע פראווען דעם סדר צוזאמען."

פרץ האט זיך איינקווארטירט אין זיין צימער, אפרוהענדיג זיך אביסל פון זיינע מיטמאכענישן און אנטלויפעניש די לעצטע טעג. ער האט אפגעגעבן א שבח והודאה פאר השי"ת וואס האט אים געפירט אויף ריכטיגן וועג, און ער וועט קענען האלטן פסח ביי א איד.

ערב יום טוב! עס איז שפעט נאכמיטאג. די זון זונקט אין מעריב און האלט שוין אט ביים פארגיין,

אויספיענדיג אבער נאך צוווארפן די לעצטע גאלדענע שטראלן וואס האבן אפגעבלאנקעט אויף די בוימער שפיצן אין גרויסן גארטן פון דאן אנטאניא'ס פראכטפולען ווילא. דער בעל הבית האט מיט א פרייליכע שטימונג איינגעלאדנט זיין גאסט אין דעם גארטן צו א קורצן שפאציר.

דאן אנטאניא האט געווינקען פאר פרץ, ער זאל אים נאכקומען שוויגענדיג, און פרץ איז איבעראשט געווארן ווען זיי האבן זיך אינמיטן גיין באגעגנט מיט אן איינגעמויערטע וואנט. דאן אנטאניא האט דארטן שטיל געעפנט א געהיימע טיר וואס האט זיי אראפגעפירט דורך טונקעלע טרעפ צו א טיפן קעלער. דא האט דאן אנטאניא אנגעצינדן א שיינעם הענג לאמפ מיט אכט ליכטעלעך.

עס איז געווען א גרויסער אונטערערדישער צימער, איינגעארדענט מיט אלע באקוועמליכקייטן. אינמיטן צימער איז געשטאנען א גרויסער טיש, צוגעדעקט מיט א שיינעם ווייסן ציכטיגן טישטוך. אויפן טיש איז שוין געווען אנגעגרייט דער זילבערנער סדר קערה. און אלעס וואס מען דארף האבן צום סדר איז געשטאנען אויף א זייטיגן טישל, צוגעריכט פאר אלע באטייליגטע מענטשן, דער בעל הבית דאן אנטאניא, זיין פרוי, די צוויי טעכטער, דער משרת, און פרץ דער אורח.

די פרוי פון דאן אנטאניא האט געצינדן ליכט לכבוד יום טוב, און דער פסח שטימונג האט פולשטענדיג ארומגענומען דאס גאנצע הויזגעזונד. דאן אנטאניא, דער משרת, און פרץ, האבן זיך דאן געקערט צו א ווינקל פון צימער, וואו זיי האבן געדאווענט מנחה און דעם יום טוב'דיגן מעריב מיט כוונה, און אלע האבן זיך געזעצט צום סדר.

מיט א פייערליכע און געהויבענע שטימונג האט דאן אנטאניא קידוש געמאכט, און מען האט אנגעפאנגען אפרעכטן דעם סדר. דער בעל הבית האט זיך געוואשן, געטיילט כרפס, געמאכט דעם יחץ, און אנגעפאנגען צו זאגן די "הגדה".

די פארזאמלטע האבן אינגאנצן פארגעסן פון די וואכעדיגע דאגות, נאר מען איז געווען ארומגענומען מיט דעם ציכטיגן יום טוב גייסט פון א אידישע שטוב ביים סדר נאכט... מען האט אנגעהויבן מיט גרויס כוונה. "הא לחמא עניא" וכו'.

דא האט דאן אנטאניע זיך אפגעשטעלט, און געווינקען פאר די אנוועזנדע, אז ער וויל זאגן א פאר ווערטער.

"מיינע טייערע. איך קען נישט ווייטער גיין מיט די דערציילונג פון דעם באפרייאונג פון אונזערע עלטערן פון גלות מצרים, איידער איך דרוק אויס מיט טיפן ווייטאג אויף אונזער טרויער'דיגע לאגע. נישט נאר וואס עס איז נגזר געווארן אויף אונז צו לעבן א צביעות'דיג לעבן, און שטענדיג זיך באהאלטן אונטער א מאסקע פון פאלשקייט, כדי מיר זאלן קענען דינען דעם הייליגן באשעפער - אויסער דעם שוועבט דאך אויף אונז א שטענדיגער שאטן פון שרעק און ציטער פאר מוסרים. אוי! הלוואי וואלט מיין זיידע פארלאזט די פארשאלטענע שפאניע אין יענע תקופה. בעסער צו לעבן אין ארימקייט און נויט, און לעבן אפן און פריי ווי א איד, ווי איידער צו לעבן מיט רייכקייט און ברייטקייט אין א סכנה."

און נאכער האט ער אויסגעפירט. "דאס איז די דערציילונג וואס איז וויכטיג פאר אונז אלע צו געדענקען אין אונזער לאגע. און פונקט ווי השי"ת האט אויסגעלייזט אונזערע עלטערן פון די פארשאלטענע מצרים, וועט ער אונז אויך אויסלייזן פון די אינקוויזיציע נעגל איניגיכן. אמן."

אבער ווי נאר מען האט ווייטער אנגעהויבן צו זאגן די הגדה, איז אין זאל ווידער צוריק געקומען די פרייליכע יו"ט שטימונג, און מען האט ווייטער געפראוועט דעם סדר מיט שמחה.

אלע מסובים האבן ווייטער געזאגט די הגדה. מען האט מקיים דעם אכילת מצה און מרור, און דאן איז געקומען א מלכות'דיגע סעודה לכבוד יום טוב.

מען האט דערנאך ווייטער ממשיך געווען מיט די צווייטע העלפט הגדה, הלל און נשמת. א געוואלדיגע פרייד איז געווען אויסגעגאסן אויף אלעמענס פנימ'ער, און אויך דער שפאניש'ער גוטן ווין וואס דאן אנטאניא האט ספעציעל זעלבסט ערצייגט, האט משפיע געווען אויף די דערהויבענע אטמאספערע און שמחת החג.

מען האט שוין געהאלטן נאך דעם פערדן כוס, אבער די מסובים האבן זיך אלץ נישט געקענט אפרייסן פון דעם שיינעם יום טוב'דיגן טיש. א דערהויבנקייט, א קדושה, און העכערע ליכטיגקייט האט זיך פון טיש, מיט די צאנקענדיגע מה נשתנה ליכטעלעך, אויסגעשפרייט. דער בעל הבית האט ווייטער פארגעזעצט מיט מזמורים פון תהלים, שיר השירים, און נאך שירות ותשבחות פאר השי"ת, וואס מ'האט דערלעבט דעם פרייליכן יום טוב.

דאן איז דאס געשען...!

* * *

דאס געזאנג האט זיך אפגעשטעלט...

די פרויען זענען ארונטערגעפאלן מיט אן ערשיטערנדיגע קוויטש; די מענער האבן געגלאנצט מיט פארשטיינערטע אויגן פאר שרעק, און דער דיבור האט זיך פון אלע אפגעטאן אין יענע רגע... ווען די טיר האט זיך פלוצלינג געעפנט און עס האט זיך באוויזן א...

שווארץ געקליידטער גלח ...!

דאס איז געווען דער סאמע אויבער ריכטער פון דאס אינקוויזיציע געריכט זעלבסט.

דאן אנטאניא איז געווען דער ערשטער וואס איז ענדליך געקומען צו זיך, און האט זיך אנגערופן מיט א הארצרייסנדע שטימע: "אוי! רבונו של עולם, מיר זענען געפאלן א קרבן. מען האט גע'מסר'ט! ..."

"ריכטיג", האט זיך אנגערופען דער גלח מיט א ברען. "מען האט אויף אייך גע'מסר'ט, אומגליקליכע. דיין אלטע אויפציערן, וואס האט דיר באגלייט פון דיינע קינדערישע יארן איז געשטארבן דא נישט לאנג. זי האט זיך 'מתוודה' געווען פארן טויט, אויסזאגנדיג אייער געהיים ארט וואו איר זענט מקיים אלע מצוות און האלט ווייטער די תורה. ווייסט איר כאטש וואס איר פארדינט דערפאר? ..."

"אויפן שייטערהויפן...", האט דער גלח זעלבסט געענטפערט.

דערווייל האבן זיך די אלע אנוועזנדע אויפגעכאפט פון דעם חלשות שרעק, און א שרעקליכער יאמער האט זיך צוגאסן אין זאל.

דאן אנטאניא האט דאן א שפרונג געטאן פון זיין ארט און צוגעלאפן צום גלח. און מיט א הארצרייסנדן געוויין האט ער אנגעהויבן צו זאגן.

"מיין הער. איך קען דיר נישט און דאס איז דאס ערשטע מאל וואס איך זעה דיר. אבער דיין קליידונג זאגט עדות אז דו ביסט דאס דער אויבער ריכטער פון די אינקוויזיציע. פיל גענאדיגער הער. האב רחמנות, נישט נאר אויף מיר, נאר אויף מיין פרוי און טעכטער, אויף מיין באגלויבטן משרת, און מיין פיינער אורח. איך ווייס אז דו קענסט אונז נישט רעטן אלעמען, דיין פליכט און שטעלע פאדערן א קרבן. ערלויב'זשע אז איך זאל זיין דער איינציגער קרבן. ברענג מיר פאר די ריכטער פון די אינקוויזיציע, איך בין זייער רייך און מיין גאנצע רייכטום ברענג איך דיר. איך האב געלט אין דיאמאנטן וועלכע זענען טיף באהאלטן און קיינמאל וועט איר אים נישט געפונען אויב איך וועל עס נישט אנטפלעקן. האב רחמנות און ברענגט נאר מיר אויפן פייער."

"ניין, ניין!" האט זיין פרוי זיך אנגערופן מיט א קוויטשנדע שטימע, פארפלייצט מיט טרערן, "מיין טייערער הער, האב רחמנות אויף מיין מאן, אדער לאמיר אויך שטארבן מיט אים צוזאמען."

און פרץ האט זיך אויך נישט לאנג געקענט איינהאלטן. "מיין הער, אויב עס פאדערט זיך א קרבן, וועל איך זיין דער קרבן. סיי ווי בין איך אן איינציגער מענטש אויף דער וועלט וואס האט אפילו נישט ווער עס זאל קלאגן נאך מיר. מיט פרייד וועל איך גיין קעגן דעם טויט צו ראטעווען די טייערע פאמיליע וואס האט מיר אויפגענומען מיט אזויפיל ליבשאפט און איבערגעגעבנקייט."

אויך די צוויי טעכטער און נאכער דער אלטער משרת זענען געקומען בעטן רחמנות ביים גלח, וועלכער איז געשטאנען די גאנצע צייט אן זיך א ריר געבן.

* * *

דא האט אבער פאסירט א נס...!

דער פנים פון גלח האט זיך אויפאמאל געביטן. פון א הארטנעקיגן, פרעכן אויבער ריכטער, איז פלוצים געווארן א מיטליידנדער מילדער געזיכט. זיינע אויגן האבן גענומען נעצן, און ס'האט זיך אלעמען געדאכט אז ער האלט זיך איין פון אויסברעכן אין א געוויין.

מיט א ווייכע שטימע, א גערירטער מיט טרערן, האט ער זיך אנגערופן: "מיינע ברידער און שוועסטער! אייך אלעמען וועל איך ראטעווען פון טויט..."

די פארזאמלטע האבן אלע אויפגעמאכט די אויגן און נישט געקענט גלייבן וואס זייערע אויערן האבן געהערט.

"מיין צייט איז איצט נישט ביי מיר איך זאל קענען מיט אייך רעדן", האט דער 'גלח' ווייטער פארגעזעצט, "מיינע באגלייטערווארטן שוין אויף מיר אינדרויסן. אבער איר קענט שלאפן רואיג. איך וועל שוין זארגן דערפאר מען זאל אראפנעמען פון אייך יעדן שפור פון חשד און בארואיגן די ריכטער פון די אינקוויזיציע. עס וועט אייך גארנישט געשעהן. מארגן נאך דעם זון אונטערגאנג זאלט איר דא אפווארטן. יעצט זאל קיינער נישט פון אייך אוועקגיין פון דאנעט אויב איר ווילט זיך ראטעווען."

מיט איילנדיגע טריט האט דער גלח פארלאזט דעם קעלער.

א לאנגע צייט זענען נאך געשטאנען דאן אנטאניא און אלע שטוב לייט, ווי ווואנדער געשלאגענע. 'וואס האט דא פאסירט?' האבן אלע געשטוינט. צי איז זיי ווירקליך געלונגען אויפצוטרייסלען דאס הארץ פונעם גלח? און ווער ווייסט, אפשר מאכט ער נאר דעם אנשטעל כדי צו אנטפלעקן זייערע אוצרות וואס דאן אנטאניא האט אים נארוואס געלאזט וויסן וועגן דעם?

פארשידענע געדאנקען האבן זיך געווארפן ביי זיי אין קאפ ביז שפעט אין דער נאכט. שפעט שפעט, פארן אויפגאנג פון עלות השחר, האבן זיי זיך

ערלויבט ארויסצושלייכן פון קעלער און זיך לייגן שלאפן.

אינדערפרי האט זיי דערציילט די אלטע דינסט וואס איז די נאכט געווען אויבן אין שטוב, אז ארום האלבע נאכט האט זיך געהערט קלאפן אויף דער טיר. אויף איר פראגע האט מען איר געענטפערט, אז דאס איז די אינקוויזיציע וועלכע ווילן אריינקומען. געלעמט פון שרעק איז זי צוגעגאנגען און געעפנט די טיר. דאן איז דער אויבער ריכטער אריין אליין און אלע באגלייטער זענען געבליבן אינדרויסן. ער איז גלייך צוגעגאנגען צו די געהיימע טיר פון קעלער... "עס איז געווען צו דערקענען", האט די אלטע געזאגט, "אז דער געהיימער ארט איז גוט באקאנט פאר אים". אויף א קורצע צייט איז ער אראפ אין קעלער, און דערנאך איז ער צוריק ארויפגעקומען און אוועק מיט זיינע מענטשן."

אלע האבן געגלויבט איר מעשה, מען האט אבער נישט געוואוסט וואס צו מאכן דערפון. א טאג פון שרעק איז געווען דער גאנצער ערשטער טאג יום טוב פאר זיי אלע. ציטער און האפענונג האבן געשוועבט אין דער לופטן, צונויפגעמישט איינס מיט די אנדערע. אלע ווילע האבן זיי ערווארטעט דאס אנקומען פון די אינקוויזיציע פאליציי. די מוטער און טעכטער זענען געזעצן א גאנצן טאג און געיאמערט. דאן אנטאניא האט זיי געמוטיגט און געשטארקט, אבער אויך ער איז צייטנווייז אריינגעפאלן אין יאוש. פרץ האט אים געפרואווט צו שטארקן און געטרייסט.

די נאכט איז אנגעקומען, און דאן אנטאניא האט געהייסן מען זאל צוגרייטן דעם צווייטן סדר. "אויב עס איז באשערט מען זאל פארברענט ווערן", האט ער געזאגט מיט התלהבות, "זאל עס כאטש פאסירן ווען מען איז מקיים די געהויבענע מצוות פונעם סדר נאכט וואס דער רבונו של עולם האט געהייסן."

מען האט זיך ווידער פארזאמלט אין קעלער. מען האט געדאווענט דאס יום טוב'דיגע מעריב, און זיך ווידער געזעצט צום סדר מיט א קענטיגע שרעק און אנגעצויגנקייט. אין אלעמענס מוחות האבן זיך געאמפערט די געדאנקען איינע נאך די אנדערע. 'וואס האט צוגעברענגט דעם אויבער ריכטער ער זאל זיי אפלאזן, און וואס קען זיין די אורזאך וואס ער וויל קומען צו זיי אין דעם הויכן מאמענט'.

* * *

אין א קורצע ווילע, האט זיך א הויכער מאן - איינגעוויקלט אין א ברייטן מאנטל - אריינגעכאפט אין שטוב פון דאן אנטאניא. ער איז גלייך צוגעגאנגען צום געהיימען קעלער און אנגעקלאפט אין טיר. דער בעל הבית וועלכער האט שוין אפגעווארט דעם "גאסט" האט געעפנט פאר יענעם דעם באלויכטענעם קעלער וואו די בני בית זענען אלע געזעסן ארום דעם שיינעם סדר טיש.

דער מאן האט אראפגענומען פון זיך זיין אויבער מאנטל, און אט האט ווידער ערשיינט דער אויבער אינקוויזיטאר פון די אינקוויזיציע געריכט. אבער דאס מאל נישט מיט זיין שווארצן ראק, נאר ווי א געוועגליכער ציווילער בירגער. דער בעל הבית האט אים פארבעטן, ער זאל זיך זעצן צום טיש און ער איז צוגעקומען.

אלע אנוועזנדע האבן זיך ארומגעקוקט מיט וואונדער. דאן האט דער גאסט אנגעהויבן צו זאגן:

"מיינע ברידער", האט דער גלח אנגעהויבן, "איך וואונטש אייך גליק און אלעס גוטס. איר זענט געראטעוועט געווארן פון א טויט געפאר, ווייל נעכטן איז צו מיר געקומען א גלח פון די אינקוויזיציע און דערציילט אז אייער אלטע דינסט האט זיך פאר אים 'מתוודה' געווען, און דערציילט צווישן אנדערן אויך וועגן דעם געהיימען קעלער... מיט דעם ווילן אייך צו ראטעווען האב איך פאר אלעמען געזאגט אז איך וועל אט די אנטפלעקונג פערזענליך אויספארשן."

דער גלח האט ווייטער פארגעזעצט. "ווען איך האב נעכטן נאכט פארלאזט דעם קעלער, בין איך גלייך געגאנגען צו די אינקוויזיציע און ערקלערט, אז איך האב אייך דא אלעמען געטראפן שלאפן רואיג... און אז דער געהיימער קעלער ווערט נאר גענוצט פאר פארשידענע געשעפטן. איר האט אלזא קיין שום אורזאך וואס מורא צו האבן"...

דאן אנטאניא האט זיך אויפגעהויבן פון ארט און צוגעגאנגען צום גאסט. "מיין האר, מיין רעטער! מיט וואס קען איך דיר דאנקען? מיין גאנצע רייכטום איז דאך ווייניג צו באצאלן פאר די גרויסע גענאדע וואס איר האט מיט אונז אלע געטאן."

"איך פארלאנג נישט קיין דאנק", - האט זיך אנגערופען דער "גלח", דער אויבער אינקוויזיטאר פון די אינקוויזיציע - "אויסער איין זאך. איר זאלט מיר ערלויבן אנטיילצונעמען אין אייער סדר...! איר וואונדערט זיך, וועל איך אייך דערציילן א געהיימען סוד: איך בין אויך פון די אנוסים, פון די אחינו בני ישראל וואס היט אין געהיים אונזער הייליגע תורה...!"

"מיין טייערער האר", האט דאן אנטאניא געזאגט מיט פרייד, "די ווערטער קלינגען ווי אומגלויבליך..."

"איך האלט נישט יעצט, מיינע טייערע, ביי קיין ווערטלעך. איידער מיר הויבן אן צו פראווען דעם צווייטן סדר נאכט וועל איך אייך איבערגעבן מיין דראמאטישע לעבנ'ס געשיכטע", האט דער גלח געזאגט.

ער האט אנגעהויבן דערציילן:

מיין עלטער זיידע איז געווען הרב משה דאלמאדיגא זכרונו לברכה. זיין זון, מיין זיידע, איז אריבער צום קריסטנטום פון אויסערליך, אבער אין געהיים איז ער ווייטער געבליבן א איד.

פאסירט אמאל, ווען מיין פאטער איז אהיימגעקומען פון א ווייטן ארט, האט ער שוין נישט געטראפן זיין פאמיליע אין שטוב. די עלטערן, די ברידער און שוועסטער, אלע זענען ארעסטירט געווארן. זיי זענען אלע דורכגעגאנגען יסורי גיהנם אז זיי זאלן זיך מודה זיין וועגן זייער אידישקייט. אלע זענען געשטאנען פעסט אבער, און נישט מודה געווען. אויסער איין שוועסטער פון טאטן האט נישט געקענט אויסהאלטן די שווערע אומגעהויערע יסורים און האט אויסגעזאגט פאר די אויספארשער פון די אינקוויזיציע, אז אלע מיטגלידער פון די פאמיליע זענען פולשטענדיגע אידן אין געהיים.

די גאנצע משפחה איז פאראורטיילט געווארן פארברענט צו ווערן אויפן אויטא דא פע, אויסער די שוועסטער, וועלכע האט מודה געווען, איז אריינגעגעבן געווארן צו א קאטוילישע פאמיליע וואו זי איז שפעטער קראנק געווארן פאר ערגערניש און צער, און איז אויסגעגאנגען נאך א קורצע צייט. אויך מיין פאטער איז געווען צווישן די וועלכע האבן זיך ארויסגעדרייט פון טויט שפעטער, דורך מודה זיין אין "זיין שולד", און איז אבער געצווינגען געווארן אנצוטאן קליידער פון שאנדע און צוקוקן וויאזוי מען פארברענט זיין משפחה. פון דאן אן איז ער געווען זייער טרויער'דיג, און קיין שמייכל האט זיך קיינמאל נישט באוויזן אויף זיין געזיכט.

געווען בין איך דער בכור, און שוין דערגרייכט די בר מצוה. דאן האט מיין פאטער גענומען לערנען מיט מיר די יסודות פון אידישקייט און די מצות פון די תורה. ער האט מיר אויך דערציילט אלעס וואס איז אויף אים אריבער. מיין פאטער האט מיר געזאגט, אז איך זאל אויף מיר נעמען א נייע אויפגאבע, צו ווערן א באשיצער אויף מיינע ברידער, און דאס וועט זיין א פארגעבונג אויף דעם וואס די גאנצע משפחה איז אוועקגעקומען נאך די געצווינגענע מסירה פון די מומע.

"ווי אזוי?" האב איך געפרעגט.

"הער, מיין טייער קינד", האט מיין פאטער געזאגט, "דו ביסט געבענטשט געווארן מיט טייערע כשרונות. דרינג אריין אין די רייען פון די אינקוויזיציע, און זעה צו ראטעווען אידן פון פייער. ווען אפילו ראטעווען איין איינציגן איד פון פייער, לוינט זיך דאס אלעס."

איך האב צוגעשטימט צום פארשלאג, און גענומען גיין אויף דעם גאנג. איך בין געשטיגן אויפן לייטער פון די גלחים, ביז איך בין געקומען צו זייער א הויכע ראנג. דאן האב איך זיך אויסגעקליבן צו ווערן אן אויבער ריכטער פון די אינקוויזיציע, בלויז כדי צו דערגרייכן דער ציל פון מיין לעבן.

"נעכטן האב איך דערגרייכט דעם הויכן ציל", האט דער גאסט פארענדיגט ווען טרערן פון התרגשות רינען פון זיינע אויגן, "ווען איך האב געראטעוועט פון פייער א גאנצע משפחה פון אידן..."

אלע אנוועזנדע זענען איינגאנצן איבערגענומען געווארן פון די דראמאטישע ערציילונג, און מען האט זיך געזעצט צום סדר מיט גאר א געהויבענע שטימונג. אלע האבן געשפירט ביים היינטיגן סדר נאכט עפעס א ספעציעלן געשמאק. אזא חירות, אזא יום טוב'דיגע התלהבות האט זיך שוין אין דעם קעלער גאר לאנג - מעגליך קיינמאל בעפאר - נישט געשפירט.

אויך דער גאסט, דעל מעדיגא, האט געזאגט די הגדה ווי א פארטיגער איד. ער האט זיך דערמאנט די יונגע זכרונות, און מיטגעהאלטן מיט די דברי תורה און שירות ותשבחות מיט א געריטע שטימונג און פרייליכע נשמה.

נאך א פייערליכן סדר נאכט האט זיך דעל מעדיגא אפגעקערט אהיים אין א געהויבענע שטימונג.

* * *

גלייך נאך יום טוב האט דאן אנטאניא אויסגענוצט די געלעגנהייט, און פארקויפט זיין גאנץ פארמעגן, און מיט די הילף פון דעל מעדיגא האט ער באקומען ערלויבניש ארויסצופארן פון שפאניע צוזאמען מיט פרץ מאטיירא. זיי זענען געפארן קיין סאלוניקי.

דארטן האט פרץ חתונה געהאט אין א מזל'דיגע שעה מיט די טאכטער פון דאן אנטאניא. פיל יארן האבן זיי דארט געלעבט מיט כבוד און פראכט, און אויפגעבויט א שיינע אידישע שטוב וואו עס איז אריינגעקומען א ריכטיגע ברכה פון תורה וגדולה במקום אחד.

נאכדעם וואס עס איז געלונגען דעם אויבער ריכטער דעל מעדיגא צו ראטעווען א היבשע פאר אנוסים פון געפאר, איז געפאלן אויף אים א פארדאכט אז ער איז אליינס א איד... און ער איז אראפגעווארפן געווארן פון זיין אמט. ער איז פארשיקט געווארן אין א פינסטערע טורמע פון וואו עס איז אים שפעטער געלונגען זיך צו ראטעווען, און ער איז אנטלאפן קיין האלאנד וואו ער האט זיך אומגעקערט צו עפענטליכער אידישקייט. ער איז געווארן א ריכטיגער ערליכער איד און אויפגעשטעלט א שיינע אידישע תורה שטוב לשם ולתפארת...

# קעסטל רעטעניש

אין יעדע שורה באהאלט זיך א פרשה, פון וועלבע איין אות פעלט.

שרייב אריין די פעלנדע אות, וועט זיך דיר אין די מיטלסטע שורה אויסקומען א זאך וואס האט א שייכות צום יו"ט פסח.

(אין יעדע שורה איז אויך דא איבריגע אותיות וועלבע מ'דארף נישט נוצן)

| | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| א | י | ח | ו | א | ת | | נ | ן | ל | ק | כ | י |
| ל | ג | ז | ד | ו | י | | ש | י | פ | ה | ח | א |
| ב | כ | פ | ע | י | ב | | ע | ל | ו | ת | ך | ב |
| ד | ק | א | ס | נ | ש | | ו | ת | א | א | פ | נ |
| י | ה | ת | ל | ה | מ | | ו | ר | ע | ל | ס | י |
| פ | ת | ת | ו | ל | ד | | ת | א | ת | א | ק | צ |
| צ | ב | ר | א | ש | י | | א | ל | ד | ח | ת | א |
| י | ח | ת | ס | ת | ת | | ר | י | ע | י | ג | ת |
| צ | ת | י | פ | נ | ב | | ד | ב | ר | ת | ל | ח |
| ל | ל | נ | ג | ק | ת | | ש | א | כ | י | פ | ז |
| א | ס | ח | ס | ש | ל | | א | ת | ה | ח | א | ס |
| ד | נ | י | פ | ת | ד | | א | ה | א | ע | א | ד |
| ס | ת | ק | צ | מ | ט | | ת | ב | ל | פ | ה | ח |
| ח | ג | ל | נ | כ | י | | צ | א | ד | ח | ג | ק |
| ע | א | ב | ש | מ | י | | י | י | ד | ז | כ | ל |
| ק | ח | פ | י | ז | ג | | א | ר | א | י | פ | א |

## טרעפל רעטעניש

פאלגנד איז דא 5 שאלות, נאכדעם וואס דו האסט געטראפן די ענטפער פון די ערשטע שאלה, נעם אראפ פון דעם איין אות (מ'קען משנה זיין די סדר פון די אותיות) וועסטו געפינען די ענטפער פון די צווייטע שאלה א.א.וו.

1. איינע פון די צוויי זאכן וואס פסח ביינאכט ביים סדר טונקט מען איין אין דעם.
2. דער יו"ט פסח ווייזט אויף דעם, ביים סדר דארף מען טוהן געוויסע זאכן צו ווייזן אויף דעם.
3. זיין זון האט צו וויסן געטוהן פאר די גאנצע וועלט אז עס איז דא א בורא עולם אויף די וועלט.
4. אין יענעם יאר איז נעבעך געווען גרויסע צרות פאר די אידן.
5. אזוי פיל טעג איז דער יו"ט פסח.

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| ☐ | ☐ | ☐ | ☐ | ☐ |
| ☐ | ☐ | ☐ | ☐ | |
| ☐ | ☐ | ☐ | | |
| ☐ | ☐ | | | |
| ☐ | | | | |

## ווִיפל מאל שטייט דא "יציאת מצרים"?

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י |
| צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ |
| י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י |
| א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א | א |
| ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת | ת |
| מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ |
| צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ | צ |
| ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר | ר |
| י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י | י |
| מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ | מ |

## שרייב אריין די תשובות אין די קעסטלעך

**וועט דיר אויסקומען ביי די ערשטע קעסטלעך א זאך וואס יעדער זאגט פסח ביינאכט**




1. די מסכתא פון היינטיגן יו"ט.
2. עס גייט ארויס ווען וויין גייט אריין.
3. איינע פון די צען מכות.
4. מען פרעגט דאסביים סדר.
5. איינע פון די סימנים.
6. מ'זאגט עס יעדן טאג אינעם יו"ט פסח.
7. איינע פון די פיר לשונות של גאולה.
8. דער לחם עוני.
9. א טיטל, וואס דער בעל הגדה באטיטל'ט די פינעף גדולי ישראל וואס זענען געזעסן אנגעלאנט אין בני ברק.
10. מען טרינקט דערפון פיר כוסות (אידיש).
11. איינער פון די ארבעה בנים.

# שרייב אריין די תשובות אין די קעסטלעך

אלע ענטפערס זענען אויף לשון הקודש, און באשטייען פון 4 אותיות. מען שרייבט דעם ענטפער ארום דעם קעסטל פונעם זעלבן נומער. דאס ערשטע אות שרייבט מען אויבן, העכער דעם נומער. די צווייטע צו רעכט'ס, די דריטע אונטער דעם נומער, די פערדע צו לינקס. עס קומט אויס אז די אותיות, למשל: פון נומער 10, נוצט מען פאר נומער 9, 6, 11, און 14.




1. איינע פון די אבות הק'.
2. ... קודש זכר ליציאת מצרים (יו"ט'דיגע שמו"ע – קידוש).
3. א עסן.
4. אויף אים.
5. איינע פון די 10 מכות.
6. לא תלך ... בעמך (ויקרא י"ט).
7. רבי עקיבא'ס שווער.
8. זאל ער זאגן.
9. פרידן.
10. טעג.
11. אויף וואס מען האט מקריב געווען פאר'ן ביהמ"ק.
12. געשטארבענע.
13. פון די ווינטער'דיגע פרשיות.
14. וועט לייכטן.
15. איינע פון די סימני הסדר.
16. באפעלן.



## וויפל 3 עקיגע קעסטלעך קענסטו טרעפן אינעם קעסטל?


לעילוי נשמת
הרה"ח ר' יחזקאל ב"ר חנוך זונדל ז"ל
נלב"ע ז' ניסן תשס"ו - תנצב"ה